STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02254

SOLDATN-UN PAYATSN-LIDER

Jacob Mestel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02254-3

D:\YIDDISH\Titles\9780657022549T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

יעקב מעסטעל

סאלדאטן- און פאיאצן- לידער

פארלאג „בזשאזא"

ווארשע 1928

Printed in Poland

Sołdatn un pajacn lider J. Mestla
Wyd. Brzoza. Druk. Lewin-
Epsztein Warszawa Pawia 38

צו דער גענעזיס פון „סאָלדאַטן־ און פאַיאַצן־לידער״

דער ליריקער, ווי אינדיווידואַליסטיש־איזאָלירט ער זאָל נישט זיין, איז ער תמיד מיט הונדערטער פעדים פאַרבונדן און פאַרוואָרצלט — און דעריבער אָפּהענגיק פון זיין פרוכט־באַרסטן פעלד: די צייט. נאָך מער: ער איז אָפּהענגיק פון זיך אליין — פון זיין צייט־באַשרענקטער פראָדוקטיווער מעג־לעכקייט. אין דעם פרט איז זיין גורל פונקט אזוי טראַגיש ווי דער גורל פונם אַקטיאָר: עס קומט די צייט — אַרום די פערציקער — און קיין שום ראַמפּע־ליכט וועט נישט אויסגלעטן די קנייטשן אויף זיין געעלטערט פנים. געענדיקט — אַראָפּ פון דער בינע. די איינציקע רעטונג קאָן נאָך ווערן דאָס „צווייטע פאַך״. קאָן ער דאָס נישט — איז ליבערש שווייגן. דאָ וועט נישט העלפן קיין רעפּוטאַציע און נישט די בעסט־דערוואָרבענע טעכ־ניק — מעג מען זיין אַ היינע.

און דאָך — מיט דעם פולן באַוווסטזיין פון אָט דעם באַטום — טרעט איך צו צום אַרויסגעבן דאָס ביכל „סאָלדאַטנ־און פאַיאַצן־לידער״. מיין דערשראָקן געוויסן איז אויף אזוי פיל באַרויקט, וואָס דער גרעסטער טייל פון אָט די לידער נעהער צון אַ צייט פון לאַנג, לאַנג פאַר מיינע פערציקער.

נישט אַלע לידער פֿון יענער צייט זענען דאָ געזאַמלט: אַסך (געדרוקטע און נישט געדרוקטע) זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען — בפֿרט אין מלחמה-צייט, אַ טייל זענען שוין „עובר הזמן", אַנדערע ווידער געהערן צו אַ געשלאָסענעם ציקל, וועלכער פֿאָדערט אַ באַזונדער אויסגאַבע. אַריינגענומען אין דעם בוך זענען נאָר די נישט געדרוקטע לידער, אָדער יענע, וועלכע זענען ביז איצט נאָך נישט דערשינען אין בוך-פֿאָרם. אַ גאָר קליינער טייל, אַלס נייע וואַריאַנטן אָדער אין אַן אַנדערער איינטיילונג, איז גענומען פֿון די פֿריערע זאַמלונגען.

איך רוף די זאַמלונג „סאָלדאַטן- און פּאַיאַצן-לידער", כאָטש פֿאָרמעל געהערן נישט אַלע צו דעם מין. אָבער סוף כּל סוף ליגט אין אונזערע אַלע פּלאַטערנישן און רעגונגען אַ ניצוץ פֿון סאָלדאַטישער פֿאַרצווייפֿלונג און לייכטזיניקער שפּילעריי, אויב מען וויל — אַפֿילו אויפֿגעבלאָזענע פּאַיאַצעריי. אָפֿט ווייסן מיר גאָרנישט ווי ווייט אָפּצוטיילן איינס פֿונם צווייטן: דער אַקטיאָר קעמפֿט פֿאַר זיין דערפֿאָלג פּונקט ווי דער קריגס-פּילאָט שפּילט אויס זיין אַקטיאָרישע בראַוווּרע אין די טויטלעכע הויכן. איז דער קאַמף פֿאַרן „אייביקן זיין" אַ ווייניק צעשפּילטע קלאָגנאַדע אין דער שמינק פֿון אונזערע „מיט-מענטש-מאַנירן" און פּאָליטישע קאָדעקסן? דאָס באַשטענדיקע געיעג נאָכן „געטלעכן סעקס" איז פּונקט אַזוי באַוואָפֿנט מיט נעגל ווי ס'איז קאָסטיומירט מיט בונטע, פֿאַרלאָקנדיקע פֿעדערן. און גרויסע רעוואָלוציעס זענען געפֿירט געוואָרן צום זיג מיט טעאַטראַלער פּאָמפּע. ווער ווייסט? אפֿשר ליגט דאָ דער סוד פֿון דעם שטענדיקן ויכּוח: צי דאַרף די פּאָעזיע גיין אויפֿן וועג פֿון „עטישער פֿאָדערונג" — אָדער פֿון גלאַט „פֿרייער שפּיל". —

די זאַמלונג איז אין סינטעטישן צוזאַמענשטעל (טיילווייז אויך אין דער פֿאָרם) נישט אויסגעהאַלטן — אפֿשר אַפֿילו כאַאָטיש. איז אָבער אונזער צייט — אַפֿילו שוין נאָך דער מלחמה — אַ פֿאָרם-פֿאַרענדיקטע, אַ נישט כאַאָטישע? און ליריק וואָרצלט אין דער צייט. דער וועלט-שמערץ, דער קלאַסישער אינדיווידואַליזם פֿון פֿאַר דער מלחמה, דאָס זעבל-קלינגען פֿון 1914 און

1919, די גרויזאַמע דימענזיע פון שנעל-פייער-ארטילעריע, דער פלאַם פון רעוואָלוציע און ברידער-שחיטות — הינדענבורגישע דיסציפּלין און ווילסאָנישע זייפנבלאָזן — דזשאַלאַרדיקער דזשעז און דער ציטער פאַר דער „באָלשעוויסטישער הימנע צו דער אַרבעט“ — דאָס אַלץ האָט געמוזט איבעראַשן, פאַרכאַפּן, אויפּברויזן און פאַרשטאַרן, און פון אָט דעם געמיש האָט געמוזט אַרויסוואַקסן נשמה׳דיקע הפקרות — נישט-אָריענטירטער כאַאָס.

אייניקע לידער פון דער זאַמלונג האָבן אפשר מיט דער צייט אָנגעוואָרן זייער ווערט. (אונזער יידישער ביכער-פאַרלאַג איז לייִדער ביז נישט לאַנג געווען אַזוי קמצניש, אַז נישט תמיד האָט ער זיך דערלויבט דעם לוקסוס, אַרויסצוגעבן אַ ביכל לידער אין דער צייט). אָבער — אויב די שאפערישע מעגלעכקייט פון ליריקער איז צייט-באַגרעניצט, ליגן אָפּט די צאַפּלענישן פון מענטשלעכער נשמה מחוץ דער צייט. איז אפשר בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל נישט.

נישט אַלע לידער וועלן רעדן גלייך צו אַלעמען. זאָל אָבער איין בלעטל, איין שורה פאַרכאַפּן דעם ציטער פון אַ גאַנטער נשמה — האָט זיך געלוינט.

ניו-יאָרק, 1 אויגוסט 1927

קאמעדיאנטן

צו אַלע מײַנע ברידער־פּאַיאַצן
וועלכע כ'האָב געליבט
און וועלכע כ'האָב געגלייבט

טעאַטער־צויבער

פֿדי קינדער צו האַלטן געבלענט
האָט מען זיי שלעסער געבויט,
מיט ווונדער און מעשׂיות פֿאַרטרויט
היגטער פֿאַרכשופֿטע ווענט.

באַטרעטן די קינדער דעם פּלויט —
אין טרעפֿן אַ פּשוטן טיש,
אַ צלמל אויפֿן קאַרניזש
און אַ באַמאָלענע מויד.

נו, קינדער: מיר לעבן פֿון פֿיש
און מוזן זיין גלייך מיט די ערדישע זינדער,
און ווי אַלע באַשאַפֿענע רינדער
בעטן מיר גאָט אַ רפֿואה צום קריזש.

שמײַנען פֿאַרצאַפּלטע קינדער
און גייען צוריק מיט פֿאַרבראָכענע הענט —
מיט אייגענע אויגן פֿאַרלענד
דעם כּשוף פֿון צויבער־צילינדער.

פון דרויסיקן צויבער פארבלענג
ווייסן נישט גלויביקע קינדער
ווי אָפט עס אנטוישן די ווונדער
הינטער פארכשופטע ווענט.

ר ע ק ל א מ ע

צעפוגקלט און צעפלאָקערט און הייזעריק צעשריגן —
„פובליסיטי״ האָט אויסגעשאָסן אַלע זיבן זאַכן,
היט דער מענעדזשער זיין קרעמל ביי דער שמאַכטנדיקער קאַסע—
וועט היינט אַ שאָט טון זיך דער חזרשער צולם
און וואַרפן דאָלאַרס לומפּיקע פאַר צוגעגרייטע קונצן ?

און צוגעגרייט איז האַמלעטס זשעסט און לירס אַ טרער
און שיילאָקס פלוך
און רבי צדוקס סויבל-הוט און מיידלעך — טאַנצנדיקער פון —
ווער עס וויל און וואָס ער וויל —
וועט כאַפּן זיך דער זילבער-אָקס, דער גאַפנדיקער גולם ?

און עולם-גולם טרעפט דעם וועג
ווי אויף אַ גלאַטיק שנירל —
פילט ער דעם טעאַטער-זאַק מיט דאָלאַרדיקע מינצן,
און מיר,
די האַלז-באַגלעקלטע, די איינגעשפּאַנטע לויפערס,
מיר שאָקלען זיך אין בינע-טראַנס
און ווייזן אים די קונצן.

סעם דער זונען-האַלטער

סעם,
דער שטערן-הענגער,
מעבל-מייסטער,
דער וואָלקן-וועבער, ווינטן-שפינער —
סעם, דער מלך איבער רעקוויזיט,
האַלט אַ רעדל בינע-זון אין זיין רעכטער בערן-פויסט.

צעפלאַמט זיך דאָס ליכט אין מאַראַנצענעם געל
מיט גאָלדענע פאַסן אַרום,
צעחנ׳דלט זיך אין פליטערלעך דער באַשטראַלטער תחום —
קוועלן אָן, ווי גאָלד-געבענטשטע, די געשמינקטע גרימען.

גאַפט הונדערט מאָל טויזנט צעשפּילטער המון:
מיט טויען-בריליאַנטן אין דורשטיקן אויג
פאַרשלינגט ער דאָס גאָלד פון פאַפירענער זון,
מעסט פרייד אויף אַרשינען, וועגט לוסט אויף אַ לויט
און קויפט פאַר אַ דאָלאַר דאָס בלענדענדע גליק.

לאַכט די „זון" אין מאָרגען-רויט
ווי דער קוש אויף מיידלס האַלז,
ווי די בושה אויפן פנים אונטער כלהס מירטן-קרוין —

נאָר מיין סעם
דער זונען-טרעגער,
מיין אָרעמער, אָרעמער סעם
ציטערט מיט דער רעכטער האַנט,
און מיט דער לינקער קנייפּט ער זיך דעם שמאַרץ פון דער
געשוואָלנער באַק
און וויקלט איין דעם יאַסלע-ווייטאַק אין אַ שטיק צעפליקטן זאַק·

זון- און לבנה-שפּיל

ווער וועט דערקלערן מײַן פרידלעכן אומעט,
ווען ווײדי, דער מײַסטער פון פאַרבן און ליכט,
לאָזט שטאַרבן די זון?

אויך זונען, אויך זונען פאַרגייען.

אײַנגעפלאָכטן אין די שטראַלן פון פורפורן-זײַד
שלעפט זיך נאָך אַ שאָטן-מאַנטל ווי אַ טרויער-קלייד,
דרימלען אין די בינע-ווינקלען אין אַ ציטערדיקער רו —
מיט דעם טויטן-טוך, דער מורא, דעקן זיי זיך צו!

דער הימל האָט פאַרקלערט זיך — ער ווייסט אַליין נישט
צוליב וואָס,
און מיר, פּאַיאַצן, טרעטן פאָרכטיק ווי דער פּיאַנאָ-קלאַנג פון טאָן,
נאָר ערגעץ צווישן רעקוויזיטן פאָרפעלט זיך די בינע-קאָן
און ערגעץ ווו נאָך טאָטשעט שטיל אַ ווערעמל אין בינע-גראָז.

דאָס ליכט האָט אויסגעגאָסט — די אויגן צוגעמאַכט,
לאָגערט אויף דעם הינטערגרונט אַ גרויליכקייט אַראָפּ,
ביז, אויף טויזנט שטערן-וואָלטן ציטערדיק געבראַכט.

עס גיסט זיך אויס אין רייכקייט די שטימונג-גרייטע נאַכט
און צעשיט דורך דעם רעפלעקטאר זילבער-בלויע גאָב.

לבנהדיק און אויסגעשטערנט שטייט דער הימל שאַרף געבויגן
צו די ערדן-האָריזאָנטן מיט עלעקטריש-געלע אויגן.

ווי נאָנט, ווי נאָנט איז הימל-זוים,
ווען בינע איז די ערד,
און ווידי צויבערט אויס פאַר דיר שטערן-נאַכט און זונען-טאָג.

ווערט נאָר ערדישער דעם הימלס ווייטער טרוים,
און ביידע,
ערד און הימל,
הוידען זיך אַרויף-אַראָפּ אויף סקריפּנדיקער וואָג...

אויף דעם טאַבלאָ זיך קלארט דער הימל אין זיין כשר שטערן-לופט.
שטערנט אויס זיך די נשמה ווי לבנהס בלאָס געזיכט.

ווידי מיט זיין ליכטן-שפּיל זאָגט וועלטן גאַנצע צו —
בלייב איך שוין אַזוי געבענטשט
אַן אויסגעשטראַלטער ליכט-עפעקט
אין נאַכט-געמאַכטער רו.

די פרייד פון שפּיל.

וועןעס שפּילט אויף גלאָק און טאַצן מיין פאַרקריפּלטער ריוואַל,
ווען דער טויזנט-וואָלט-רעפלעקטאָר גלײַט זיין פליִטערדיקן שטראַל
אויף די הימלען אין אַרענע –
גירט מיך אָן אין זייד און קראַנצן,
פירט מיך אויף דעם העכסטן טורעם, –
איך גיי טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן
דעם „סאַלטע מאָרטאַל״!

נישט אויף הימלס הויך און זוימען
טראָגט דער זיג פון מיינע טרוימען.
דעם הימלס אויסגעשפּרייטער לויב
שטראַלט אויף אָפּ אין ערדן-שטויב –
וועט אין פ ל י שוין זיין געווונען יעדער פרייז פאַר מיינע זונען!

אין לונאַטיש-לייכטן שלאָף
שוועב איך אויף מיין לופט-טראַפּעז,
באַווייזט זיך אין מיין פלי דער נס
פון אַלע למד-וואָו.

דער צירק אין בונטער שפּילעריי –
אַ טרער אין פּערלס איינגעהיל –

איז גוט צו שוועבן אַזוי פריי
אויף פרייד-באַראַט
אויף נסימ׳ס גנאָד
אין טויט-געוואַגטן שפּיל

און ווען עס גלעקלט נאָך און טאַצט מיין פאַרקריפּלטער ריוואַל
אין טויזנט וואָלטס רעפלעקטאָר-שטראַל, —
שליידערט מיך אין ווירבל-טאַנץ
צו קנאָכנ-בראָך און טויטן-וואַל —
איך גיי אין אויסגעפּוצטן קראַנץ,
אין יובלדיקן פרייד-צעפּראַל
צום סאַלטע מאָרטאַל!

שטורם הינטער קוליסן.

לייסטן מידע אין אַ זיידן-פּאַס געשפּאַנט —
הוזשעט אין אַ בייז געיאָמער שטורעמדיקער ווינט.
אין אָטעם, וואָס אַרויסגעפּרעסט פון רעקוויזיטאָרס שווערער האַנט,
קלאָגט דער גלגול פון דער ליאַלקע, מיין פאַרוויינטן בינע-קינד.

כ'האָב שוין לאַנג מיין חתנשאַפט צו דער ראַמפּע אָפּגעגעבן
און מיין טאַטע-שטערבלעכקייט געשאנקען צו קוליס-געוועבן,
דריי-ווענטיק איז דאָס חופּה-בעט, וואָס דאַרף מיין קבר ווערן—
זאָל כאָטש דאָס וויינען פון מיין קינד די פערטע וואַנט נישט הערן.

דער בינע און מיר איז גלייך באַשערט
דערזעלבער גורל—
איינזאַמקייט:
די זון איז זעלטן גאַסט ביי אונז,
צעצינדן מיר געמאַכטע פרייד.

ליגן די קוליסן-קינדער — טרוימען פון מיין בינע-ווייב —
פאַרגעסענע, צעטראָטענע
אַזוי ווי דער כלהס דורכנעכטיקטע בלומען,
אַזוי ווי דער זונהס געעלטערטע לייב...

אַ זיידן-פּאַס און לייסטן מידע—הוזשעט בייז דער בינע-ווינט,
קלאָגט דער גלגול פון אַ קינד
אין רעקוויזיטאָרס שטורעם-וויג —
אין הוילקייט פון דעם בינע-שטורעם שפּילט מיט מיר דאָס גליק.

אַ פּ אַ ט י ע

אַ סצענע נאָך סצענע, אַ שפּיל נאָך אַ שפּיל —
אַ טייג ווערט געקנאָטן אין בלייערנער פאָרם,
אַ סצענע נאָך סצענע — ווי טראָפּנס אין ים,
ווי פאַרצווייפלטע אויגן פון ברידער.

מאָנאָטאָניע פאַרגליווערט דעם פּאַיאַץ אין שפּיל
ווי פחד פאַרגליווערט דעם קעמפער,
ווי זיס־מאָנאָטאָן עס צעקלאַפּן זיך גראַמען
אין לאַנגע, האַרץ־שמאַרציקע לידער.

זיי מוחל מיר, דאָפּלט פאַרהאַלטענע מוזע,
ווען אונטער מיין מידקייט פאַרבלאַסן די פאַרב
אויף דיינע צעכראַסטעטע גלידער.

איך ווייס:
פאַר הונדערט טויזנט גאַפערס וווינט די שכינה אין דיין שויס,
אין טרויס פון דיינע קליבעס ווימלען זיי געזינד אין הויז;
און איך אַליין —
איך בין דאָך אויך פאַרקנסט צו דיין פאַלבאַן

ווי צו זיין ווייב אַ שעמעוודיקער חופּה־וקידושין־מאַן.
באַר האָב איך אויסגעגנישטערט די קנייטשן אין דיין אונטער־ראָק,
אויסגעשמעקט די זיבן טראָפּנס פון דיין שווייסיקן פּערפום —

איצט שטיי איך אין דיין טעמפּל־שטאַל —
מיין ציגעלע, מיין אויסגעשמינקטע, צאַרטע טאַק —
ווי אין אַ שטויביקן מוזעום
אַן אויסגעשטאָפּטער באָק.

פ ר אָ ב ע־ס צ ע נ אַ ר י ו ם

אויפגערעגט און פאַנטאָפּלדיקע געטלעכקייט

נאָכאַמאָל

רעכטס אַרויס — טיפער פאַרנויג
געלייטערטער פלאַטער צו אייביקייט
דאָלך — לינקס געפּאַקט — אַך !
פאַרביי — אָפּ

נאַיווע און פרימאַדאַנע אין סודות געהילטע
גאָלדענע שמייכלען דורך גאָלדענע ציינער
אַ רינגל־צעבליץ
לעצטער בריליאַנט פון לעצטן נאַכט־געשאַנק
סטאַטיסטקעס פאַרגעטערן
מאַמע שאָקלט מוטערלעך דעם קאָפּ.

ציאַכמעט דער העלד : קאָרופּטע קריטיק
די דראַמאַטישע איז גליקלעך — רופט אָפּ אין בודואַר

נאָכאַמאָל !
רעזשיסאָר באַפערלט רימאַרקעס אין טעקסט

גאָלד-גרינע טאַפּעטן וואַנדלען ווי אין טראַנס
טראָגנען קוויטשען אויף פאַרזשאַווערטע רעדלעך
אַן בינטלען און סנאַפּעס–לילאַ און שוועבל-געלע — ברעכן זיך
טאַנצן רעפלעקטאָרס
געשאַרפט דאָס אויער — געקלאָרט דאָס אויג!

אין ווינקל כיכעריי פון דרויב-אינטריגאַנט שוויצט אויס אַ וויץ
דאַמע קריטיקירט
קאַמיקער באַנאַרישט זיך אין שטאַנדפּונקט

טעלעגראַמעס — ציפּערן — טשעקס
מענעדזשער ציילט געלעכטערס און קושן — טרערן געשטראָכן!
פאַרוואַלטער האַלט דיאַגנאָזע איבער שלאָפנדיקע שטולן
גייסטער טראָגן זיך איבער אָרקעסטער און באַלקאָן
עס שרייט די קליאַפּ-מאַשין:
צוויי זיבנאונזעכציק צו איינס פינפאונזעכציק — ניין מאָל!
אין קאַסע טאַנצן שוין פּאַפּירלעך און מינץ — דער בונטסטער
באַלעט
פּערטל- — האַלב- — גאַנץ-יאָריקער טריאומף!

א י ל י ו ז י ע

אין הימל-בלויען שלייער בעטן זיך די פעלזן-קעפ,
אין ווייסן וואָלקן-קלייד, אין גאָלד-געלאָקטע זונען-צעפ
שוועבט מאַדאָנע הויך און העכער צו איר יעזוס-קינד —
אַזוי באַנעמט דעם בינע-נס דאָס טויזנט-קעפיקע געזינד.

איך,
וואָס קאָלער זיך מאָל טויזנט אין דעם שטויב פון דער אַרענע,
איך טראָג אויף זיך די קללה פון באַשיינפערלעכער מעלפּאָמענע,
אַריינצודרינגען אין איר טויער פון די אויסגעטראַכטע וועלטן,
וואַך צו האַלטן אויף דער שוועל פון אירע נישטיקע געצעלטן —

טוליע איך מיין פרי-מאַדאָנע — די אויסגעקנייטשטע זונה
און באַט זי אָן פאַר טאָלער צוויי איעדן הונגעריקן קונה.

געלויבט זאָל זיין די נאַרעריי, וואָס קאָן פאַרוועבן טויזנט
מראות,
געבענטשט זאָל זיין די בלענדעניש, וואָס שאַפט באַגלויבטע
קינדער,
געלויבט, געבענטשט די אויגן-פּאָר, וואָס דערבליקן וווּנדער
און זעען נישט פאַרפּאַפטע שמינק אין גאָלד-באַזוימטע כמאַרעס.

ש ט י מ ו נ ג

אויסגעהאָנגען איז דער וואַלד
אי פרילינג-גרין אי הארבסט-פאַרגעלט.

אַמאָל,
אַ יינגל נאָך אויף שטויביקער גאַליאַרקע,
האָב איך אין טעאַטער-וועלדער מיינע נעסטן זיך געוויילט,
אויף זייערע בוימער-שפּיצן די האָפנונג מיינע אָפט באַמאַנט
און פאַר די שטילע שאָטנס מיינע סודות אויסדערציילט.

איצט שטיי איך פאַר דער גולמ'קייט פון לייוונט, האָלץ און דראָטן
ווי פאַר מיין אַלט ער פאַרטנעריגס געשמינקטן אויגן-גלאַנץ —
דעאוס, דעאוס עקס מאַכינאַ!
פאַרשלים אין האַרץ מיין יוגנט-טרוים, איך זאָל זיך נישט פאַראָטן
און פלוצים זיך צעשרייען: לייווענטענער קלאָץ!

די אַלטע עפּאָפּייע

צו ר. ג.

פּעגאַזוס און דעם באָק געשפּאַנט אויף אַלע מוזעס וועגן,
נעם איך פֿאַר די הונדערט-טויזנט אויספּאַרטיילן מיין פּאַרמעגן.

הויך, אין פינצטן פּלאַן, הענגט מיין מזל-שטערן —
וועל איך היינט באַרימט, צי געניזקט ווערן?

אויף מיין ליבע-סצענע איז מיין גליק געבויט
אין שטראַלנדיקן „ספּאַט" שפּיל איך אויס דעם טויט.

און זע! און זע! אין עק-פּאַרשטעק, אין טומל-פּלאַץ פון
מויז און קאַץ
גיט זיך אָפּ מיין ליבסטע דעם צינישסטן פּאַיאַץ — — —

ווער אויפגיין האפערדיקע זריעה, וואָס געזייעט איז אין זאַמד?
ווער אַ בליק טון מיין עמפּאַזע, וואָס אין ניכטערקייט
פֿאַרפּלאַמט?

אַז געזונקען איז מיין טורעם ביז אין ערדישן פֿאַרשטויב —
ווי זאָל איך מאַכן זיי צו גלויבן, ווען איך אַליין שוין מער
נישט גלויב?

איך פֿלאַפּל אָפּ דעם ליבע-פּאַטאָס, די רעפּליק נישט צו
פֿאַרזוימען —
מיין פּעגאַזוס איז צעשראָקן און פֿאַרשווינד מיט מיינע טרוימען.

אין ווינקל קוליער איך צעטומלט, ערד און הימל אָפּגעשייט —
מיין אַלטער גאַרדעראָבע-זייגער פּרייכט אויס די אָסטמע
פֿון דער צייט.

אין קוליסן־ווינקל

איך בין אַוועק פון ראַמפּן־זוים,
ווו טויזנט־טויזנט ליכט זיך שפּרייט —
ס'האָט צופיל זיך די זון געלייגט
אויף גראָז און קווייט און גרים און קלייד.

שוין גענוג ראַקעטן־ליכט
צום קרבן פאַר דעם פּלעב געבראַכט —
איך בין אַוועק צו זוכן רו
אין בינעס שאָטנדיקער טראַכט.

שאָטנס טראָגן אויס דעם זאָמען
פון דעם מאָרגנס טרוים בסוד,
וועל איך אין דעם אָפּקער שפּרייטן
רויטע טעפּיכער מיין טראָט.

רויטע טעפּיכער און טרוימען
ווי דער שטויב אויף בינע־קראַנצן —
כ'האָב געטראַכט דעם גאַנצן אָוונט
פון אַ טאָגיק זונען־גלאַנצן.

אויף דער בינע האָט נאָך זון-ליכט סיטשנדיק געקלאָגט —
און מיר
דעם אָפּגעקערטן
איז די זון שוין אָפּגעשטאָרבן
נאָך איידער ס'האָט געטאָגט.

אַרטיסטן-רויש

מיין טאָגיקייט האָט נאַכט געמאַכט
ווײַן אַהער און ווײַב אַהער,
גירלאַנדן בלומען אויסגעשיט אויף קאָפּ און ברוסט —
זאָל טויטן זיך מיין גרוי געמיט אין פּערלדיקן אומבאַוווּסט!

ס׳איז שטײַף מײַן ליפּ און מיד דאָס אויג — איך האָב
געטרונקען צופיל ווײַן,
איך האָב געמיינט: דעם צער דערטרינקען — וועל איך
לוסטיק זײַן.

דער ווײַן פאַרוויגט און וועקט צוגלייך:
ווערט אַ רויז אויף באַק צערויט,
ווערט דער זין אין שוים פאַרשלעפּערט — אומבאַוווּסטער
ווי דער טויט,
נאָר דאָס נישט-דערשפּילטע שפּיל פאַלט אויף דעם דערוועקטן
טרויער
ווי אַ בלייערנער טומאַן אויף די טײַכנס פלאַך.

וואָס-זשע טויג באַקראַנצטער רויש און אויסגעשריגן גליק וואָס
טויג,
וואָס דאַרף איך שלעפּריקייט פון ווײַן און שמייכלען פון
אַ מיידלס אויג,
ווען דער טרויער, מיין נאָנטסטער חבר, קען אַזוי מיין וועג,
אַז אייביק — ווי מיין שאָטן — באַגלייט ער מיך דורך
נעכט און טעג?

נעם צו די האָפנונג-בלויע שאָל מיט פּערלדיקן רויט געפּולס׳
און דו, מיין הארציקסטע פון ווייבער, נעם דיין רויז צוריק —
סיי ווי וועט טרויריק, טרויריק זיין.

אין רוישיקייט פון סעודהס גליק
האָט זיך מיין קאָפּ געבויגן —
די ביכטערקייט פון בליק זיין
האָט מיר געגלאָצט אין ד׳אויגן
נאָך איידער געענדיקט עס האָט זיך מיין ווײַן.

בינע-גלאַנץ

שאַליאַפּינען

די פרוכט איז רייף, צייטיק איז מיין גאָלד-באַזאָנגטער לאַן —
איך בין אויף ביידע זייטן ים דער פרייז-געקרוינטער מאַן —
גאָר ליידיק איז און פוסטע איז אין גלאַנץ-באַשטראַלטן תחום —
וואָס מער דו חלומסט פון דער זון, אַלץ טונקעלער אַרום...

שטיי איך פאַר די הונדערט-טויזנט ליכט-געבלענט און קאָפּ-געבויגן
ווי די אָנגעפוילטע זאַנגען אויף צענעצטע לאַנען —
פאַרגעטערט און באַגאַפט און זעלטענער פאַרשטאַנען — —
אין גלאַנץ-באַשטראַלטן, זוניקן קאָמעדיאַנטן-קלייד
שטיי איך אויף אַן האַרבסטיק-פעלד,
וואָס האָט אין פריילינגס לייכטזין באַפרוכפּערט זיך מיט פוסטן נייד.

קלאָונאַדע

דעם מייסטער רודאָלף שילדקרויט

נישט היינט און אויך נישט פריר
האָב איך אַנטדעקט צון אייך די טיר.

קלייד איך אָן די נאַרן-טראַלד,
הויב אַקסל-הויך דעם פוס —
די צונג אַרויס, אַ שנאַל אין נאַז,
דעם טאַטנס רוח אַ גרוס,
און — אַט!
איך בין איצט אייער גאָט
און טאַפּטשע זיך אין אייער גאָלד.

כ'האָב מענטשן-גליק געטראָגן אין אַנטבלויזטע הענט,
און איר האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַויר פון מיין זויל — —
האָב איך אויסגעשפּיגן די ברכה פון מיין מויל —
מיר האָבן זיך דערקענט.

איצט ווייס איך וואָיל:
אַ קויט-גערוך באַווײַרויכט אייער געטער-זיץ,
און די גאַנצע קונץ פאַר אייער וויץ
דאַרף קאַפּען פון מיין זויל.

פ ר אָ פ ע ס י ע

פאַרשלייערט איז מיין פענסטער, פאַריגלט איז מיין טיר,
שעמט זיך אָפּמ דער העלער טאָג אַ קוק צו טון אויף מיר.

איידער ס'האָט דער טאָג געוועקט זיך—איז מיין בעט געגרייט,
און שפּעט, ערשט שפּעט נאָך זון-פאַרגאַנג
איז אויסגעפּוצט מיין פּאַיאַץ-קלייד, —
קושט מיך זעלטן, זעלטן נאָר די גליק-באַהויכטע זון.

דער אַרלעקין האָט איינגעזאַפּט אַלע זיבן טאָג-קאָלירן —
בלייבט אַ גראָקייט נאָר דערפון.

ווייל פּראָפּעסיע האָט געזאָגט:
ווער עס וויל ביי מיר אין מקדש פלאַנצן זיך אַן אייביק לעבן,
מוז אין גאָרער שקלאַפּעריי ביז אין טויט זיך איבערגעבן.

ציר איך אויס די מידע גלידער אין פליטערדיקן זיידן-פלאַקס:
דרימל איין, מיין טאָגיק לעבן—וואַקס, מיין אָוונט-פרידן, וואַקס!
אין צעשפּילטע אָוונט-פריידן נעמען טרוימען זיך צעוואַקסן —
דאָס גליק פון איינגעשפּאַנטן קלאָון.

נאָר אייל זיך צו, מיין האַלב צעוויינטער און האַלב
שמייכלענדיקער פּאַון!
דער פאַרהאַנג פאַלט—און געשלאָגן האָט דיין בייזע שעה:
דו זוכסט צו טובלען דיינע פלאַקסן
און קיין שטראַל איז מער נישטאָ.

סטאַרישער גראָטעסק

אַלטע, יונגע, גרויס און קליין,
פאַרמירט די וואַרטנדיקע „ליין"
אַ גאַנצע נאַכט זייט טאָג-באַגין,
פון מאָרגן-פרי ביז קאַסע-גאַנג!
נאָך אַ הונדערט, נאָך אַ טויזנט — טויזנט דאָלאַר פאַר „סוקסעס"!
מען ליגט אויף אַקסלען, טרעט אויף פיס —
אַ דערפאָלג!

אין גאַפערס צאָל וואַקסט אויס דער שטאָלץ פון קינסטלערס
ווערק.
און אויך די גאַזשע, אויך די גאַזשע —
אַן אויסגעצייכנטער געדאַנק:
אָפגעגט — דערנאָך פאַרפירט — אַ סצענע אין געריכט
זיך שפילט — —
אויספראָבירטער לאָק-עפעקט פאַר עולמס גיריקן פאַרלאַנג —
טאַנצן גליקלעך די רעפּאָרטערס: —
„ברידזש אָף פראָמיס"! — 50.000 — סקאַנדאַליעזער אידעאַל!"

סקאַנדאַל-געשטאַנק צעטראָגט זיך ווי אויף זוירע הייוון —
זענען גאַסן ליכט-פארגאָסן מיט פּאָרטרעטן פונם סטאַר,
וואַקסט רעקלאַמע אויף רעקלאַמע —
זאָל באַוווּנדערט ווערן קונסט!

הויבט זיך אויף אַ פעלקער-וואַנדער מיט מאַשין און באַן-געשפּאַן:
אין ערדן-גרונט, אויף דעכער-שטאַנגען
דורך שטאָטס פאַרצווייגטן אינגעווייד
פויזען זיי,
די זאַט-געשטאָפּטע, בלינד-צעיאָגטע אייזן-שלאַנגען — —
שטעלט אייך אויס און וואַרט אין „ליין",
אַלט און יונג — פון גרויס ביז קליין.

שטייט אַ שטאָט מיט הונדערט „טעמפּלען" —
הונדערט קאַסע-קעסטלעך פּוסט,
טויזנטער קאָמעדיאַנטן אויסגעסטראָיעט — און אומזיסט — —
אַלע הונדערט טויזנט גאַפערס
שפּאַרן זיך צום פינקלדיקן, פאַרבנרייכן „איינציק-דאַגעוועזן" קרעמל
פון סקאַנדאַל-באַרימטן סטאַר.

ס'איז קאָפּ אויף קאָפּ און פיס ביי פיס
(די פּרעסע האָט געלייגט דעם שטעמפּל) —
איז גאַס פאַרפלייצט פון „ספּעשל פּאָליס",
און נישט אַמאָל דער סטאַר פּערזענלעך
קאָן דערגרייכן צו זיין טעמפּל.

איז „זאַקוליסע" אַ גערודער:
צוויי טוץ געשמינקטע יוניאָן-ברידער
שטייען גרייט צום נאַרן-טאַנץ —
אַפילו פאַר דעם סטאר אַ קראַנץ —
נאָר איז דער סטאר, דער סטאר נישטאָ!

ווערט אַ שושקעריי אין עולם,
אַ הענט- און פיס-געקלאַפּעריי —
הונדערט טריקס און טויזנט קונצן ווערן בטל אין געשריי:
ווו איז דער סטאר? ווו איז דער סטאר?

געבראַכט דעם סטאר צופירן:
אָפּגעשטאַנען — אויסגעוואָרט זיך — דורכגעריסן זיך מיט מי —
ווי-זשע קאָן ער זיך צעשפּילן,
אַז אים בויגן זיך די קני!

שפּאַרט מען אונטער מיט קוליסן,
נאָגלט צו צום קאָפּ אַ קרוין —
שוין!
עס שטייט אין „ספּאַט" דער לאַנג דערוואַרטער, אויסגעצאַרטער
העלדן-סטאַר.

דער עולם איז צופרידן און ווילדעוועט אַפּלויז
(געראַטעוועט די „קונסט" און אויך „דאָס גוטע הויז"),
צעפּאָרט זיך בהפזון, אין פרידלעכקייט צעשיינט
וואָס ענדלעך האָט מען אָפּגעדינט דעם קונסט-קאַפּריזנעם
מאָדע-האַר —
נישטאָ זיך וואָס צו שעמען פאַר שכנים און פאַר פריינט:
געזען, געזען דעם סטאַר.

קינסטלער־שטאָלץ.

וויפל גלעקלעך אין מיין קרוין, וויפל פאַסן אין מיין קלייד
אַזויפיל קלאַנגען און נגונים שטראָמען פון מיין לייד און פרייד.

און יעדער קלאַנג איז מיין געליבטע, יעדער נגון—מיר אַ קינד,
ווער איך לאָזן זיידן הפקר אויף פאַרשייטקייט פונם ווינט?

ווייל איך אויף מיין שטריק-געוועב טאַנצן נאָך מיין אייגן ליד,
נישט דרעסירט און נישט געפירט — פון קיינעם נישט באַהיט.

און צווינגען זיי מיך קניען אין יאָך פון זייער שטייג,
וועל איך מיין קלייד פאַרוואַרפן, פאַרשווייגן מיין געזאַנג
און אַלעמען אַנטבלויזן מיין פרעכע נאַקעטקייט.

ס'איז פרומער די אַנטבלויזונג און טיפער דער פאַרשוויג,
וואָס בעט קיין גוטס און וואַרט קיין שלעכטס,
וואָס בליט נאָר אויף אין ווייטן דמיון—און פאַרגייט.

און וואָס מיין ליד האָט נישט דערזונגען, וואָס מיין וואָרט
האָט נישט דערזאָגט,
זאָל פאַרקלינגען ווי דעם וועכטערס לעצטע רופן, ווען עס טאָגט.

זאָלן בלייבן אוצרות ליגן, וואָס פאַרשענקען כ'האָב באַגערט —
גאַנצע וועלטן, וואָס פאַרשוויגן כ'האָב אין אפשיי צו דער ערד.

פ אַ ט ו ם

מיט דעם ציטער פון דער טאַם-טאַם-בלעך—אונזער אויפגאַנג
און באַגינען —
צעפלאַטערט זיך אין מיין געביין דער דראָזש פון אייביקייטן.

נעם אַוועק דאָס רויטע ליכט פון בינעס ליגנערישן הימל
סיי-ווי איז רויט און בלענדענדיק די פרוכט פון פאַיאַצס בייטן.

פאַר דעם מענטש האָט גאָט געגעבן זעט און האַמער און דעם דרימל—
וואָס-זשע לעכצט מיין אָרעם נפש נייע וועלטן צו געבוירן?

צו וועמען רופט מיין שטילער פחד, די עקסטאַזע צו באַגלייטן—
וועמען זינג איך מיין קלאָונאַדע?
טרויריק איז דעם פאַיאַצס וויץ און טראַגיש זיין באַלאַדע:
אין פלאַם פון אויסגעטרוימטע הימלען גייט זיין ערד פאַרלוירן
ווי דער בליץ פון מעטעאָר אין וועלטנס אויסגעמיש.

שטיי איך — אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה — אין מיין פעדער-וויש,
פון דער בושה מער באַטרונקען ווי פון בינע-רום —
אַ פלוידערזאַק, וואָס אָנגעפילט ביז איבער האַלז מיט ווילדן
קרויט,
פוסט און פאַס אויף שטאָלץ צעבלאָזן פון טעאַטער-בום.

לעש אויס פון ראמפע און קוליסן דאָס גרינצלדיקע רויט —
עס טרעפט שוין ווי דאָס בלינדע פערד אין בינע-שטאל
מיין שריט;
און פייער-צייכנס צום אנטרינען דארף איך מערער נישט —
סיי ווי נישטא קיין רעטונג מער פון בינעס פלאמען-טויט.

פאַר וועמען

איך וואַרף דעם גאַרטל פון די לענדן און די ווידלע פון
מיין האַנט —
דעם רעקוויזיט פון שטאָלצן וועכטער איבער לאַנד און ימען:
זאָל עס אין דעם בליץ און שטורעם פון מיין אויפגיי זיך
פאַרפלאַמען,
ווען אַפילו נאָנטסטע ברידער איז מיין וואַנדל אומבאַקאַנט.

ס'איז מיין ליד אַ ווילדער שטורעם, וואָס דערגרייכט נישט
זיירע אויערן,
אין מיין אָנזאָג שפּילן זונען — שליסן זיי די קראַנקע אויגן,
שטיי איך פרעמד און קאָפּ־געבויגן
פאַר זיירע שטומע טויערן.

ברויט־געפרעס און בעט־געשטאַנק
זוכן אין דעם פרייד געזאַנג
די אָרעמע, אָרעמע ברידער.

און פאַלט צו זיי די זון אַראָפּ,
קריכן זיי אין גאַסן־שטויב נאָך גאָלד־באַצאָלטער גאָב.

גליק־פאַרפירט און שפּאָט־צעקייכט מיידן זיי מיין שטילן וועג —
וואָס ווייסן דען אין בלינדע נעכט פון העלע זונען־טעג
די אָרעמע, אָרעמע ברידער?

געוואָרפן רעקוויזיט – זאָל שווייגן שפּיל און לידער.

וועל איך בלייבן אומדערהערט.
וואָס דאַרפן שקלאַוון פרייד-געשפּיל און זינגענדיקן טרוים?
איך שווינג מיין גאַרטל קעגן הימל — זאָל הענגען ער אין
פּוסטן רוים,
מיין צאָן-געשפּיצטע ווידלע שווינג איך אויף פיר עקן פון
דער ערד —
אָן אַ וועג און אָן אַ ציל — —
אפשר וועט כאָטש פאַר זקנים א זכר בלייבן פון מיין ליד,
און מיין טויטער רעקוויזיט
וועט אפשר פאַר די קליינע קינדער
זיין אַמאָל אַ קאָרטן-שפּיל.

אייער לויב

וואָס האָט איר אויף דער גאַס און רינשטאָק אויסגעשריגן
מיר אַ שבח
און פאַר קוים געהערטן שטאַמלען מיר געשענקט אַ געטער-
קרוין?
איך האָב נישט אייך צומאָל פאַרבעטן אונטער מיין געפרייזטן
דאַך —
בויגט זיך איצט מיין קאָפּ אין בושה אונטער נישט פאַר-
דינטן לוין.

מיין אמת ליד איז טיף פאַרבאָרגן ווי די בלום אין שטילן
טאָל,
וואַקסט עס אויס צו שוואַרצע רויזן, ווען איר הערט זיך
איין אַמאָל.
גיי איך מיט אַ קלאָון-גרימאַסע צווישן זון-פאַרברענטע בייטן
און צעשענק פאַר צוואַנציק גראָשן אַ בינטל אָנגעשמינקטע
קווייטן.

פון אייער לויב אין די געמאַרקן ווערט נשמה טויטן-מיד,
פלאַטערט זי אַרום די שבחים ווי אַ קראָ ביי קינדערס וויג —
מיד אין האַרצן, מיד אין בליק — —
דאָס שטאַרבט אין מיר מיין פּאַיאַץ-ליד
דאָס זונען-ליד
אַ ליד פון גליק.

ווי איינטאָגיק אונזער געטין מעלפּאָמענע

„Nicht die Nachwelt
singt dem Mimmen Lob“

אין שפּין-געוועב צעשפּאַן אַ דראָט
און אויף אים הענג דיין טרוימען-גלאָק –
צעשווינג און קלינג
אין דיכטערס גנאָד.

און אַלטער, אַלטער פּאַיאַץ-חוק:
מעג מאָנען הערץ ווי לאַנג און באַנג–
דו צי דעם גלאָק אין קלינג און קלאַנג
פון דיכטערס וואָרט.

ביז
אויסגערופן – אויסגעקלונגען
און פאַרגעסנקייט געאַרבט –
ביי קלינגענדיקע פויק און טאַצן
דער זון פון מעלפּאָמענע שטאַרבט.

אַ זקן וועט נאָך שפּעטע יאָר
פאַרשטיין וואָס דיכטער האָט געוואָלט,
און אפשר אַ מיידל מיט זיידענע האָר
וועט שפּילן די לידער אויף סטרונעס פון גאָלד – – –

פון פערלמוטערס רוישן, פון איבער ימימס וועל
וועט דעם דיכטערס חלום קומען אויף דיין שוועל,
נאָר נישט דעם גלאָקס פֿאַרשטומען, נישט דעם בינע-צויבערס
— שטראַל
דעם זון פון מעלפֿאָמענע וו׳אַרט אייביקער פֿארפאל.

דאָס שוואַנען-ליד

די שטריק באַהאַלט, די קרוין צעבראָך און פיר אין מאַרק
דיין שימל —
ווער קען נישט אונזער שפיל?

וואַרם איז אין גאַרדעראָבע — כאַפּ בגנבה דאָרט אַ דרימל
און חלום פון דעם מאסקן-גלאַנץ און שווייס-באַלוין און
בראַוואָס און געלעכטער.

עס שפּילט מיט דיר דיין אייגן גליק —
ווער קען נישט אונזער שפּיל?

וואָס אין זיבן פריידן-פאַרב עס האָט אַמאָל געגלאַנצט,
איז היינט אַן אויסגעצאַנקטער בליץ אין נאַכט-לאָמפּ פון
דעם וועכטער.

ס'איז דאָ אַ צייט פון בייזער רו
(ווען אויסגעלאָשן ווערט דער בליק)
פּרווו-זשע נישט די סטרונעס איצט —
עס שלאָפט די קראַנקע לירע.

נישט וועק זי מער, נישט ריר זי מער,
נאָר וויקל איין די צויטן אירע,
לאָז אויף איר אַ פּאַיאַץ-טרער
און שטעל אַרויס זי פֿאַר דער שוועל פֿון דיין בעטלער-דירה —
זי
די אַלטע, אויסגעשפּילטע לירע.

אַ פּ ש י י ד

מיד און ביז אין ביין פֿאַרשעמט פֿון נישטיקייט און איינזאַמקייט,
פּאַק איך איין די ליִוונט-בודע, הויב אַקעגן פֿעלז די האַרפֿע —
זאָל זיין אַ סוף,
וועט אפשר ווערן גוט.

אין רוים האָט אָפּגעזיפֿצט די צייט —
דאָס קנאָכיק-שפּיציקע געשטיין באַגאָסן איז מיט האַרפֿן-בלוט.

די שאַרבנס בלוטיקע אין ליִוונט-צויטן פּאַק איך איין,
צינד אָן מיט מיין פֿאַקל ביז רויכן און זשאַר דאָס בינטל
ירושה פֿון נאַר
און פּראַווע לויה מיט אַש-געשטויבן אין שטורעמדיקן רוים
אַריין.

איך ווייס נישט צי שוועבט עס מיט לייכטקייט צו שטערן,
צי זינקט עס מיט ווייטאָק-געוואָג —
איך וויל נאָר עס זאָל אין דעם שטורעם צעשטויבן
מיין נאַכטיקער אומעט און רוישיקער טאָג.

שוין לאַנג האָט נישט פֿאַר פּיין און צער מיין האַרץ — דער
קיזלשטיין — געוויינט,
ווײַל איך אויך קיין עדות זיין, ווען מיין וועג ווערט אָפּגעווישט —

פאַרשוויגן און פאַרשטיינט
האָב איך אַ שאָטן, אויף אַ שאָטן, אַ שפּור אויף שפּור צעמישט.

ניט איך געהער דער טרויער פון מיין שטילן וויי.

און האָט מיין בליק פאַראָטן, אַז איך גיי –
נישט פּרוווט צו טרייסטן מיך, נישט מאַכט דעם אָפּשייד שווער –
עס פּאַסט דאָך נישט פאַר אַ געפרייזטן
צו ווייזן אייך אַ טרער.

חרטה

דער האַרבסט איז דאָ, און ליידיק שטייט מיין איינגעפלאַנצ-
טער בוים,
ווער ווייסט אויף וועלכן פוסטן פעלד עס טראָגט זיך אום
מיין טרוים?

האָב איך געגראָט מיין שלייף, צו קרוינען זי אין דער-
נער-קראַנץ?
וואָס האָב איך נישט אויף זאַטע הייף פאַרקויפט מיין ליד
און טאַנץ?

זכרונות נאָר ווי געלע בלעטער אינם אלול-ווינט,
און שווער איז אויף דער מידער פלייצע יוגנטלעכע זינד...

פאַרגלויבט געגאַנגען צו גאָלגאָטאַ פאַר דערפרייטע מאַסן,
וואָס קאָנען געטלעך ליבן און ביז צום טויט פאַרהאַסן.

איצט לאַשטשע איך זיך אַכפערנדיק — אַן אויסגעשטראָפטער
הונט —
אַרום די ווייצן ניכטערקייט פון מיין חרטה-ווונד — —

אומזיסט: פֿאַרשווייג איעדע קלאָג און יעדן טרוים אין האַרץ פֿאַרמאַך
זוי אַ כשופדיקע מעשה אונטער וואַסער-גראָזנס פלאַך,

אויסגעשעפּטע זענען קוואַלן און פֿאַרוועלקט די לעצטע פלאַנצן — —
ווער וועט אַרבן מיינע טרוימען און דאָס ליד דערגאַנצן?

פארגעסן זאל ווערן

(דאָס ליד פון נעכטן)

ט ר ו י מ ע ן

צוועק בין איך אין שטילן ווינקל—זיבן בוימער מיר געפלאנצט.
דערנאָך געטרונקען זיבן בעכערס און זיבן טעג ארומגעטאנצט.

יעדער טאָג האָט זיינע ווונדער, בליט פאר יעדערן א בוים —
אין זיבן טעג ביי זיבן בעכערס אויסגעטאנצט דעם שענסטן טרוים.

אויסגעוואָרצלט ליגן שטאמען, אויסגעליידיקט איז דער ווייַן —
זיבן געלע, שווערע טרוימען בלאָנקען איצט אליין.

מאָרגן און אָוונט

זינגט די שטראַלנדיקע האָפנונג אין דעם מאָרגן־רויט,
וויינט דער אָוונט אין זיין גסיסה, ווי דעם מענטשנס נויט.

מיט יעדן נייעם מאָרגן־גאָלד האָסטו אַ גליק געאַרבט —
און יעדן אָוונט, טאָג פאַר טאָג, אַ זונען־גליק דיר שטאַרבט.

ג ל י ק

עס זענען געגאַנגען די מענטשלעכע האפער
אַנטפּלעקן דעם סוד פון דעם מענטשלעכן גליק —
אין פאַרצווייפלטן ראַנגלען געבראַכט פון די הויכן
אַ ציטערדיק קינד אין אַ גאָלדענער וויג.

האָט דער נס פון דערפולן גענומען זיך בעטן:
איך בין דאָך פאַרגענגלעך ווי האָפנונג אין בליק־
מיר האָט נאָר דער מענטש אין זיין בלינדן שגעון
אַ נאָמען געגעבן „דאָס אייביקע גליק".

ד י י ט ש ע ר מ אָ ט י ו ו

הינטער אַ נעפּל
וואָלן ווי זונען האַלטן פֿאַרבאָרגן
דאָס אייביקע גליק.

שיקן פֿאַרגאַפּטע אויף ימים די שיפֿן.
וואָס קומען נישט קיינמאָל
קיינמאָל צוריק.

הינטער אַ נעפּל בלענדן ווי זונען,
בלענדן די זונען דעם מענטשלעכן בליק – –

אין אומקום

פֿאַלט — פֿאַלט בלאַט נאָך בלאַט,
באַלד — באַלד — די ערד איז זאַט.

בלעטער געלע — עפּעס שטאַרבט —
עס צאַנקט אַ זעל און קיינער אַרבט.

און ווי די בלעטער — הערצער וויאַנען,
טראָגט זיך איבער גורלס לאַנען
אַ וועלט פֿאַרוועלקטע, געלע טרוימען —

וואָס־זשע וועלסטו, האַרץ דערשראָקנס, נאָך פֿאַרזוימען?

דעם מענטשנס טאָג ווערט שנעל אַ מידער — בלייבט דיין
האָפֿן זון־פֿאַרלאָזט,

ליגט דער הויפֿן זון־פֿאַרלאַנגען ווי אַ בלעטער־פֿאַל אין פֿראָסט.

אין שטראָם פֿון יאוש ווערט פֿאַרלאָשן לעבנס האָפֿערדיקער פֿלאַם,
ווייל איך פֿלאַמען און זיך לעשן ווי אַ טראָפּן־בלאָז אין ים.

איי בּיק פֿאַרגיין

זעסטו נישט דעם גרינסטן לאָרבער־קראַנץ פֿאַרוויאַנען?
קלאָגט נישט אין דעם פֿויגלס ליד דער טרויער פֿון דעם זיין?
האָסטו נאָך אויס גאַרער פֿרייד דעם יאוש נישט פֿאַרשטאַנען?

קלויבן מיידלעך בלומען — זאַמלען זיי דעם טויט,
און אין דיין העכסטן טורעם, טרוימען־לויטער אויסגעבויט,
שפּיגלט זיך דיין איך אין נישטיקן פֿאַרגיין.

ווייל האַרבסטיק פֿאַרבלין צעפֿוילט זיך שוין אונטער די
שנייען פֿון מאַרץ
און אונטער די פֿלאַמיקסטע זונען — פֿאַרקוילט זיך דאָס פֿלאַ־
מיקסטע האַרץ.

אומעט

און ווייל נאָך אויסגעקעמפטע זיגן, ווען שונאס שלאָס איז
שוין פאַרברענט;
קוקסטו אויף דערגרייכטע צילן מיט ביטול אין פאַרלייגטע הענט;

ווייל יעדער טרייסט אויף דיינע וועגן, וואָס דיין יאוש
רופט עס גליק,
איז ווי אַ העלער בליץ אין הימל, וואָס קומט נישט מער צוריק.

און ווייל איך גלויב נישט מער, אַז אייביק לעבט נאָך
אייביקייטנס זאָמען,
אַז נאָך צעדרויבלטקייט פון גוף בלייבט כאָטש אייניקייט
פון נאָמען —
איז טרויריק אויף געמיט.

און דאַמאָלס קאָן דאָס אויסגעלאָסן ליד
קיין טרייסט נישט זיין,
און — כאָטש צעפּראַל די טיר און טוירן
די האָפּערדיקע זון בליקט קיינמאָל נישט אַריין.

פייפלט אויס דער אומעט דעם טרויער אין דיינע ביינער-פּראַנצן,
נעמען שאָטנס זיך פאַר פלייצעס דעם טויטן-טאַנץ צו טאַנצן.

אָדלער און וואָרים

קרייזט דער יונגער אָדלער אַרום די פעלזן-שפּיצן,
שפּיזט זיך איין זיין בליק מיט שטויִנענדיקע בליצן
אין אַ נישטיק ווערמל ביים צוגאַנג פון זיין נעסט:
— ווי ביסטו גאָר אַהער אויף פעלזן-הויך פאַרקראָכן
אָן שטורעמדיקע פליגל און ווינטן-שטייפע קנאָכן?

— נישט גרויס זיך, קינד: אַ פּלי — און וועסט באַגרייפן וואָס דו זעסט.
איך בין דיין אייגנער פאָטער — צוגלייך מיין אייגנער זון,
אויך דיך וועט צייט צעמאָלן — ווי ז'האָט מיט מיר געטון:
געפלויגן בין איך העכער און שטאָלצער נאָך ווי דו,
איצט פויל איך אויס מיין זיין אין ווערעמדיקער רו.

קומסט צום ברעג

גייסטו אויס צו פישן פערל – דיין פאנג וועט זיין א טראפן ים.
פריי זיך נישט מיט דעם באגינען–יעדער אנהויב האט א צאם.

וואס-זשע צאפלט זיך דיין לעבן אין אן אויסגעצערטער שרעק?
צי דורך ימים צי דורך זונען–וועסט שוין קומען צו דעם ברעג,
וואס דיר באשערט:

פון די טיפן און די ברייטן אויף די ימים פון דעם זיין,
פון באפליגלטע חלומות, אויפגעבליצט אין העלסטן שיין,
וועט נאך אלץ פאר דיר פארבלייבן
דיין אויסגעמאסטן בערגל ערד.

אין נעץ

אייביק וועלן שיפלס שאַרפן שניידן אין צעבראָזטע כוואַליעס —
אין שיפל זיצט אַ הונגעריקער פישער.

וועט אייביק שוין די נעץ פאַרפלעכטן אַ פאַרעטערישן קראַנץ
צו לאָקן צאַפּלדיקע בראָזים אין מוראדיקן טאַנץ.

דעם לעבנס קאַמף-פאַרמשפּטס, פאַרשאָלטענעס געיעג.

וואָס איז דער חלוק?
קוואַל-שטראָם — אין ימימס תהום —
מיט עלף צי מיט צוואַנציק יאָר — מיט רגעס פון געציילטע טעג:
צאַפּלדיק אין אויסגעשפּינטן רוים,
שטרייטנדיק אין כוואַליעדיקן פראַל,
פאַרשענקט דיך לעבנס נעץ דעם אייביקן פאַרפאַל.

די מאָנאָטאָניע פון אייביקייט

אָטעמט ים צו וואָלקן־הויך —
אַ טראָפּן פאַלט — צוריק אין ים —

מענטשן אויך.

ווערט דיין גאַנג אַ שטורעם־פלאַם,
וואָס פאַרגייט ווי קרבן־רויך —

איך אויך.

פארגעסנקייט

גלויבסט: דער שאָטן, וואָס לייגט זיך פאַרנאַכט אויפן וועג
וועט נישט מאַכן פאַרגעסן דיך זוניקע טעג?

אז נאָך יעדן פרייד־געבענטשטן טאָג
קומט דעם אָוונטס גריבלענדיקע וואָג —
אַז די געוואַגטסטע, שטאָלצסטע טורעמס גרייכן איבער קברים קוים —

הער זיך צו צום טאַקט פון האַרץ — און צי זיך ווי אַ טרוילער איין,
און זאָל דער ריטם פון דיין טרוים
די פאַרגעסנקייט דיר זיין.

צום לופטן-פליערס טויט

(נאָך א דייטשן מאָטיוו)

דער שטיין פון ברודערס אָנגעדענק ווערט זיבן טעג געהיט.

אַראָפּגעצאַקט און אויסגעלאָשן,
קרייזט ער נאָך אין טויטן-שוועב אַרום זיין הויז-געזינד —
גייסטערהאַפט און פלאַטערדיק, האַפּערדיק און פּאָרכטיק
קומט ער צו זיין ווייב און קינד,
זיין מוטער און זיין פּודל-הונט
אין טויטן-אָנגעדענק.

די מוטער זיצט אין מוטער-שטול, דעם קאָפּ אויף ברוסט געבויגן,
אין דרימל-טרוימען ווען זון שליסן זיך די אויגן,
זעצט ער זיך אין איר שויס, און מיט צאַרטן אָנ-נעם

לענט ער אָן איר מידן גוף אָן דער ווייכער וואַנט —
די מוטער געגעצט, ווערט זיך אָפּ, און מיט דאַרער האַנט
פּאָכעט זי אַ פליג פון איר צעקנייטשטן פנים.

אויף די ווענט נאָך פּוסטעוועט זיין מאַנטל, פעלד-גלאָז און קאַשקעט,
צוויי פּאָר פּאַנטאָפל וואַרטן גרייט ביים אויסגעבעטן בעט,

אויפֿן טיש איז ווײַן און ברויט, און זײַן ווײַב און קינד
בלעטערן אין קינדער-אַלבום, זײַן אַמאָליקן געשענק.
גליקלעך בענטשט ער זײַערע קעפּ בײַ דעם אָנגעדענק,
אָטעם-אָטעם צו באַהעפֿטן צערטלט ער זיי לינד —
זי איז אויפֿגעשטאַנען, האָט דאָס בוך פֿאַרמאַכט
און מיטן קינד אויף האַנט בײַם פֿענסטער זיך פֿאַרטראַכט.

פֿרידלעכקייט איז אויסגעגאָסן איבער הויז און הויף:
פּודל אין זײַן בודקע דרימלט שוין באַרוט,
נאָר דערשפּירנדיק ווי עפּעס אַ פֿאַרגנבעטע כּונה
גלאָצט ער הונטיש זײַנע אויגן — כאַפּט זיך פּלוצים אויף
און צעהויקעט זיך אַ פּוילער קעגן דער לבֿנה.

עמיץ פּאָרעט זיך אין הויף: שרויפֿט און מײַסטרעוועט באַמיט
ארום די שאַרבנס פֿון זײַן לעצט צעשמעטערט פֿלי-געשפּאַן —
עס קומט די פֿרוי אין נאַכט-געוואַנד און רופֿט איר צווייטן מאַן.

דער שטײַן פֿון חבֿרס אָנגעדענק ווערט זיבן טעג געהיט.

ווער ווייסט

און אַז דער האַרבסט האָט אויסגעשאָטן פּרוכט פון זיין גערונען בלוט,
און אַז דיין נאָמען ווערט פאַרשריבן אין זכרון פון דיין שטאַם —
איז שוין גוט?

צו קענען כאָטש אויף איין מינוט
דערוואַרעמען דאָס האַרץ ביים האָפערדיקן פלאַם,
אַז יאוש זאָל פאַרזינקען ווי אַ שטיין אין ים —
וואָלט דעמאָלט זיין דיר גוט —?

אין אייבּיקן זיין

אייביקער באַשטאַנד

יאָ, עס וועט גוט זיין
אין פרילינגס צעבליען, אין זומערס דערפולונג און אסיענס פאַרגיין
די טרויב און דעם ווייַן און דעם קעלטער פון קיום,
דעם אייביקן קיום צו זען.

דעם בעכער דערהויב איבער שוואַרץ-פעטע בייטן און איבער
צעגליטן געשטיין
און לויב אין אַ בענטשונג די פרוכטבאַרע שויס,
וואָס ליגט אַ געגרייטע צום אייביקן זיין
פאַר דאָרן און רויז.

און לעכצסטו אין גלגול געבוירן צו זיין,
פאַרטרוי זיך דעם ווינטערס געפלייסטן געדייען —
ער מאָלט און צעקנעט און פאַרזייעט אויפסניי
דיין קיינמאָל פאַרצערטן באַשטאַנד.

דעמאָלט וועט זיין דיר די וועלט
אַ באַל אַ צעשפילטער אין האַנט —
און דו
זיין באַהערשער און ווינער אויף אים
זיין הויט און זיין אָנפול אין אים
וועסט טרייבן זיין שפיל און זיך שטענדיק באַוועגן
אין לויף פון זיין אייביקן קרייז.

און אַנטפּלעקט וועט דיר ווערן די מענטשלעכע גרויס
וואָס איר גייסט קאָן דעם נס פונם לעבן פאַרשטיין,
וואָס רייסט ביי די געטער די סודות אַרויס
צו קאָנען צום מענטשלעכן קיום דערגיין.

באַנעם די ערד

איז פּינסטערניש אויף גאָרער ערד, ווייל אָוונט הויזט בײַ דיר אין לאַנד?
צי זעסטו נישט אין זונס פאַרגאַנג דעם וועג צום אייביקן באַשטאַנד?
און ווערן וועלטן שוין דערטרונקען, ווען דײַן קומער לאָזט אַ טרער?
וועמענס קללה האָט באַשטראָפט דיך, קיינמאָל נישט צו האָפן מער?

אויגן-קומער לייטערט זיך ווי זומערדיקער שטורעם.
און בײַ דעם יאושס צווינטער-טוירן
שטייט אויף וואַך דײַן יורש — די טרייסט פון ניי-געבוירן.

דו גרייך, מײַן פרײַנט, צום טיפן סוד פון שוואַרצער ערד,
דערפיל דעם פּולס אין יונגן זאמען, האָפערדיק צעיערט,
שמייכל צון איעדער בליט און קני בײַ יעדער בלומען-בײַט
און הויך אַרײַן אין יעדן בלאַט דײַן טויעדיקע פרייד —
באַנעם דאָס זויגן פון דעם הינטל בײַ אַ וואָגלענדיקער צויג,
און דעמאָלט, פרײַנט, וועט גליק דערזען דײַן צער-פאַריאושט אויג.

ה אָ פּ ע ר ד י ק

איז גליק יענער שטערן
וואָס צינט זיך און לעשט זיך אין טרוים און אויף וואָר —
באַלייכט שוין דער שטערן מיין וואַנדלען און טון
וייט אייביקע יאָר.

איז גליק נאָר דאָס רעדל
וואָס דרייט זיך, אויף קיינמאָל דעם ווונש נישט צו שטילן —
בין איך דאָך די אַקס, וואָס באַוועגט עס און שטעלט עס
נאָך אייגענעם ווילן.

און איז גליק יענער אדלער
וואָס שוועבט נאָר פאַרביי, פאַרמיידנדיק אַלעמענס טיר —
איך מאַך אים אַ נעסט אין מיין האָפּערדיקייט
בלייבט ער מיט מיר.

אין וואַלד

דעם גאַסט-הויף — יונגער וואַלד — האָט זיך יום-טובֿן פֿאַרוואַלט,
האָט ער זיך אויסגעמיידלט מיט סטענגעס זונען-גאָלד.

האָט בלאַט און גראָז און בלום פֿאַרקייכט זיך אין אַ לאַך
און אויסגעשפּרייט פֿאַר דיר אַ היימיש בעט און דאַך.

לייגסטו זיך אַוועק — און הויבסטו אויף דיין בליק
שמייכלט צו דיר קוקעלעך דאָס בלויע הימל-גליק.

און הויבסטו אויף דיין קול צו ווערן פֿרייד-דערהערט,
צעזינגט זיך מיט דיר אין דערהויך דעם הימלס קעניגרייך
אויף דר׳ערד.

אונטער הייסער זון

שניטערס, סערפּ און זאַנגען אונטער הייסער זון
און שניטערקעס דערלאַנגען די פרישקייט פון אַ ברון.

זאַנגען געל ווי טויטן-שמייכל אונטער סערפּן-קלאַנגען —
הערט איר שניטער! טוט אַ ציטער, טוט אַ ציטער
איידער תּפילה-מידע, טויבן-שטילע לייגן זיך די זאנגען.

בליקן בייטן זיך אין תּאווה ווי דער זונען-שטראַל אין ברון
און געלעכטערס קנאַלן הילכיק ווי די פלאַמען אויף דער זון:

סערפּ-געשחטן, זון באַלויכטן הויפן זיך די סנאָפּעס תּבואה —
זיי באַרויקט:
פון יעדער זאַנג און סערפּנס קלאַנג שפּראָצט די דור-באַ-
נייטע זריעה —
בין איך רויק.

שניטערס, שניטערקעס און זאַנגען אונטער הייסער זון —
אויך איך מוז שטאַמען פון די זונען, און מיין ליבסטע —
פון דעם ברון.

דער זשאַוואָראָנ

שרה'ן

זעסטו אין דער לופטן, אין גרויער וואלקן־מיט
ווי עס דרייט זיך אַ ווערטעפּע, שפּינענדיק אַ ליד —?

דאָס זינגט דער „זשאַוואָראָנ" פון לעבן און פון טויט,
דערקלערט מיינאַ דעל ריש, די האַלבע פויערן־מויד.

פארגעס אן טויט, מיין מיידל, פאַרגעס דעם נאָמען אויך —
דו האָרך נאָר צו דעם לעבן, וואָס ווירבלט אין דער הויך.

באַבע און אייניקל

פרוכנע שוין די באַבושקע,
האָט שקיעה קוים דערוואַרט —
דאָס רויז-צעבליטע אייניקל
נאָך זונען-אויפגאַנג גאַרט.

נישט ברוגז זיך, מיין באַבושקע, אויף קינדס פאַרשייטן גליק
פון אייביק אָן אַזוי געווען — דו פרעג ביי קלוגע לייט:
„אין מערב גייט זי אונטער, פון מזרח קומט זי צריק" —
ווען עלטער שטייט אין שאָטן שוין צום אָוונט-לאַנד געגרייט,
קומט יוגנט אָן פון מאָרגן-לאַנד אין קראַנץ-פאַרפוצטן קלייד.

פייגל אין נעסט

אן אָוונטיק ווינטל צעשויבערט די שפּיצן
פון ליפּעס און דעמבעס אין דרימלען פאַרטראַכט,
אין טונקלע נעסטן באַהאַלטענע זיצן
די פייגל־משפּחות און וואַרטן אויף נאַכט.

פאַר מורא נישט ווילן די יונגע פאַרשטומען,
פאַרשלעפט זיי די מוטער אין טרייסטלעכן פריד:
צעחלומט זיך האָפּערדיק, וועט אויף אייך קומען
אַ שטראַליקער מאָרגן מיט קערנער און ליד.

זומער פאַרנאַכט

די זון פאַרזשמורעט ד'אויגן, מאַכט זיי אָקאָרשט צו —
זיך אָנגעיאָגט אַ גאַנצן טאָג, איצט וויל זי גיין צו רו.

האָט טאָג פאַמעלעך זיך צעגעניצט, אָפּגעאָטעמט מיד
און ליינט פאַר שלאָפן־גיין זיין טעגלעך קרישמע־ליד:

נעמט פויגל זיך פאַרגיין אין לעצטן אויסגעשריי,
די רינדער זוכן שטאַלן אין בענקענדיקער מרוקעריי,
טונקל ווערט אין וואַלד און זאַכט דער וואַסער־רין —
נישט וואָג צו סודען זיך: עס דרימלט איין די זון.

דאָס פעלד נאָר אָטעמט שטיל —
אַ שטערן ווייזט זיך ווו —
ערגיץ גרילצט נאָך אין אַ שפּאַלט
די וויינענדיקע גריל —

טרייסטן זשאַבעס זי: קוואַ — קוואַ... אַ שומר וואַכט,
און ביז צו מאָרגנס פרי — שלאָף איין, אַ גוטע נאַכט.

אַן אומבאַקאַנטע האַנט, וועבט אויס די נאַכט אין גנאָד — —
געלויבט זיי, רו אין פעלד און זיכערקייט אין שטאָט!

בין השמשות

באַרויִקטע זעגען די הימלען — באַגלייטן אין שלום די זון,
און זינקענדיק לאַכן די שטראַלן—צעשטראַלט זיך נחמה דערפון.

דעם טראַקט האָט פאַרצויגן אַ נעפל און געטיילט זייַנע וועגן
אויף פיר:
פון זיי האָבן דריי זיך באשאטנט — אַ ליכטיקער בלייבט נאָך
פאַר מיר.

אַ לעמפל אין פינסטער צעפינטלט — דער קיום איז אייביק
באַוואַכט:
צוויי נשמות, באַהאַפטן אין אייניקייט, וועלן שמירה דאָרט
האַלטן בייַנאַכט.
דאָס פאָרכטיקע זיין פון מנוחה שעפטשעט אין האַרץ, אַז
איך „בין" —
איך לייג זיך מיט רו, און אין שלום וועט מאָרגן מיך וועקן
די זון.

ש ט ע ר ן

הימל, ים און שטערן — צווישן טויזנט איינער
שוועבט אויף הימל-ווייטן — און שוועבט אריין אין וואַסער.

איז עס מיינער?

העליש האָט דער מזרח צעפלאַקערט מאַרגנס צונטער,
ווערן טויזנט שטערן בלאַסער —
ווער מער פון זיי נישט שיינען קיינער?

דער הימל אַ באַזונטער
איז טויזנט בשורות דיר מבשר —
ווער קלערן, ווער קלערן
וועמעס מזל הענגט אין שטערן?

ד ע ר פ ו ל ו נ ג

אין מיין האַלץ-געטאָוולט שטיבל
זשומט אַ פליג:
חלומט זיך פאַרביי דעם קוימען פונם דיל ביז צום סופית
און ווידער צריק צום דיל און קוימען —
אין מיין האַלץ-געטאָוולט שטיבל פלאַטערט אום אַ פליג.

אויף מיין געלן דיל פון שטיבל
רוט אַ ברויזן ווייסע חלה —
פון מיין טיכל אויסגעטרייסלט, אפשר פון דעם ווינט פאַרטראַגן-
אויפן דיל פון האָלץ געטאָוולט רוט אַ ברויזן חלה.

וואַרטן וועלטן צוויי דערפולונג, אויפצוגיין אין גורלס גליק:
די הונגער-זעט אין דעם כזית,
די זאָמען-ליבשאַפט אין דער פליג.

דורך מיין האָלץ-געטאָוולט שטיבל
טראָגט זיך דאָפלטע דערוואַרטונג
איבער רוימען — איבער וועלטן — איבער אייביקייטנס חוק.

דער אויפשטייג

איר קוקט אין דער זון — און די אויגן אייך טרערן,
זאָגט איר: עס האָט אייך דאָס מזל פאַראָטן.
און מיך קאָן באַגליקן די זון און די שטערן,
אַפילו דער שאָטן.

אין אַקער דערשפּירט איר נאָר שווייס פון דער נויט —
און איך זע דאָס אייביקע ווערן
און פיל שוין דעם טעם פון זעטיקן ברויט.

שטייג איך אַלץ העכער פון לאַנען אויף שפּיצן
ביז קרייטער-געוועקסן און עדלווייס-קווייט —
גאָלדענע טרוימען אין נעפל דאָרט ליגן,
וואָס קאָנען אין עטער אויף שווינגען פאַרוויגן
ביז צום אַנטבלויזן פון ערדישן קלייד.

וואָס אַרט דיך דער תהום פון אַמאָל?

וועט זיין דיר באַשערט פון דעם גליזיקן שפּיץ
צו פאַלן צוריק אין דעם מענטשלעכן טאָל —
נעם מיט דיינע פרות פון מאַרך און פון הענט
אויף געמאַרקן פון מענטשלעכן זיץ.

און שטאָלץ
וואָס כאָטש איינמאָל באַצוווּנגען פאַרעקשנטע ווענט,
פאַרשענק עס דיין בכור.

ווען דעמאָלט פאַרגיין ווי אַ גרייז, באַגלייט פונם זיבעטן דור
מיט צופרידנקייט אין הארץ:
דו האָסט געלעבט — —
און אפשר נאָך אַ צענטן דור —
נאָך הונדערט — טויזנט — מיליאָנען —
וועסטו ווידער קומען אויף די גאַסן,
צוגעגרייטע פון דיין בכור.

אָן זאָרגי

ווער זאָגט, אַז איך בין אַלט, ווייל גרוי איז שוין מיין האָר?
עס ברויזט נאָך יונג מיין בלוט — אַלץ איינס: אין טרוימען
צי אויף וואָר.

געטריבט מיר טיש און דאַך — ווער דאַרף אַ היים פאַר רו?
מיין פּאַלאַץ מעג אין פלאַמען שטיין — די וועלט האָט
נאָך אַ ווינקל וו!

ווער פרעגט דען ווען, ווער פרעגט דען וו עס דעקט מיך
צו מיין קלאָג-געוואַנד?
וועט די ערד מיר ווערן שווער — טראַכט איך אויס אַ
הימל-לאַנד!

מיר אַלע שווימען דאָך אויף ערד ווי פיש אין ימימס תהום,
און זינק איך דאָ —
וועל אויפגיין איך אין גראָז — אין בלום — אין רויגל פון
דער פליג —
צי גאָר אין זעמדל, אין האָסער-בלעזל פון דעם עטער-רוים — —
ווער מעסט דעם שפּאַן, ווער ציילט די שעה?

ביים אָפענעם קבר

שטייסטו פאַר דעם תהום, וואָס גיט נישט מער צוריק —
פאָרש נישט מער אין זעל-באַטראַכט,
זוך נישט מער מיט מידן בליק
וואָס ערד האָט צוגענומען.

און איז אין שטראַל און טוי אויף קברס פלאַך אַ בלימל
אויפגעקומען —
ווער פרייד-דערפולט ווי פאַר דעם נס פון געבוירנדיקער טראַכט,
געדענק,
אַז גראד אַצינד האָט זיך דערלייזט די וונדערלעכע גרויס
פון אייביקן פאַרבייט:
אַ בלעזאַלע פון נישט-פאַרגיין איז אויפגעשטיגן אין דער צייט
צו אָטעם-זעט און קראַפט-געוועב אין לעבנס פרוכפערדיקער שויס.

וויש אָפּ די טרער, זאָג אמן פרום, און טרייסט-געבענטשט
צוריקגעקערט.
נעם אויפסניי זיך פאַר דעם אַקער און ברענג דעם הימל
אויף דער ערד.

דער געטלעכער סעקס

אַלע

שוועסטער מיר

אין ליבע

קום אַריין אין גאָרטן

דער גאָרטן שמעקט מיט רויזן-בליטן, לאַקט מיט קאַשטאַנס
ווייסן צוויט —
גיי אַריין, מיין מיידל,
וועסט הערן דאָרט צום ערשטן מאָל דאָס אָוונטיקע ליד.

רויז די ליפּן, קאַשטאַן-האָר און ווי די בליטן דיינע באַקן,
ציטער נישט, ווען איך-אַ פרעמדער—נעם אַרום דיין האַלדז
און נאַקן:
פּוילע זענען חופּה-בעטן, פון די מאַמעס אויסגעגלעט —
דו קום אין גאָרטן, וועלן בלומען ווערן אונזער כלה-בעט.

זע, די שטערן ווי בריליאַנטן שפּיזן זיך דורך בלעטער-זיפּן
און בריליאַנטענער נאָך גלאַנצן דיינע טיפע אויגן —
באַהעפט צו מיר דיין אויגן-שטראַל און דיינע פיבערנדיקע ליפּן
וועל איך פון זיי אָוונט-טוי און ליכטיקייטן זויגן.

אויף טוי-פאַרשמאַכטע וועגן ביזטו געקומען מיר אַקעגן —
טוי ביסטו, און איך—פאַרשמאַכט נאָך לאַנגן ליבעס-וואַנדער,
איבער אונדז אין ליבעס-קראַנצן פלעכט זיך דער לעאַנדער,
וואָס האָט פאַר דיר נאָך קיינמאָל, קיינמאָל נישט געבליט — —
קום אַריין אין גאָרטן, מיידל —
וועסט הערן דאָ צום ערשטן מאָל דאָס אָוונטיקע ליד.

מיין מיידל קומט

נאָך האַלבער נאַכט
מיט אַנזאָג עפנען זיך די טירן
און דו שטייסט פאַר מיר אַ שטראַלנדיקע און פאַרלוירן –
קום אַריין, מיין פראַכט!

ציטער אויף, מיין רויז, אין פלאַמענדיקן טוי-באַריר
און זינג אַרויס דעם טיפסטן ווונש, וואָס ליגט דיר אויף דער זעל–
וואָס ס'האָט נאָר פלאַץ אין מענטשנס ברוסט, וואָס שלייכן קאָן
דורך מענטשנס קעל,
אַלץ וואָס איז ביי מיר- אין מיר –
זאָג, און נעם עס דיר!

מעגן פאַלן מיינע טעג אונטער שלעג – פון נויטנס רוט,
מעג אומעט גריבלען גוף און זעל און עלטערן אין פוילער רו–
קוים באַטרעטסטו נאָר מיין שוועל, ווער איך יונג ווי דו,
שטראָמען ווידער פרייד און יוגנט אין מיין אויפגעציטערט בלוט.

אַ גוטער אויפשטאַנד

מיין מיידל האָט געוועקט מיך: שטיי אויף, עס איז שוין שפּעט׳
די זון וועט באַלד אונז בענטשן צון אונזער פרי־געבעט.

צו וועמען זאָל איך בעטן, ווען כ׳האָב די גאַנצע נאַכט
תפלות און קרבנות צו דיר אַליין געבראַכט?

וואָס דאַרף איך זון און בענטשונג, ווען דיך, מיין קינד,
איך האָב
און דו האָסט אַלע ברכות צעשטראַלט אויף אונזער קאָפּ.

און ווי קאָן ווערן שפּעט, ווען דו ביזט ביי מיין זייט,
ווען דער מאָרגן ביי דיין גליק שיינט מיט דאָפּלט־העלער פרייד.

מיינאַ דעל ריש

מיין מיידל, כ׳זע, געפעלט דיר — אַלטער, אַלטער נאַר,
זיין קאָפּ וואָלסטו געגעבן? און איך — מיין גליק דערפאַר?

זי קאָנסט אין איר דערזען נאָר דרויסנדיקן גלאַנץ,
און מיר האָט זי זיך איבערגעענטפערט מיט אַלץ און פול
און גאַנץ.

ווייל איך מיט איר טיילן נישט נאָר בעט און ברויט,
איך וועל איר גאַנץ פאַרשענקען מיין לייב און לעבן ביז
צום טויט!

ווייסטו מיידל קליינע, לאָבונג מיינע אין מיין רו:
פון אַלע אויסדערווײלטע — די הייליקסטע ביזטו.

און דאָך — און דאָך, געליבטע:
וואָס קלעפּט דאָס אויף מיין שטערן דיינ׳ ליפּנס בליטיק רויט?
אין דיר איז זוניק לעבן און שאָטנדיקער טויט.

און דאָך — און דאָך, מיין מיידל:
איך גיב זיך דיר אין גלויבן און שליס די אויגן צו — —
דו ביזט די לעצט-דערווײלטע — די הייליקסטע ביזטו.

צון אַ אומבאַקאַנטער

אומגעריכט ביזטו געפאַלן אויף מיין פעלד,
דו יינגסטער זאָמען
פון אַ פרעמדן שטאַם —
ביזט אויפגעגאַנגען אין מיין פּלאַם
נישט פרעגנדיק מיין נאָמען.

ווער ביזטו, וואָס אין מיין זכרון שוועבסטו אַלעמאָל אום
ווי אַן אויפגעוואַכטער מאָרגן נאָך אַ שיינעם חלום?

כ'האָב דיין פנים נישט געזען און נישט געהערט דיין קול —
האָב איך אפשר נאָר אין חלום פאַר דיין פרייד געטאַנצט?
דו האָסט דאָך פאָרט דעם עץ החיים פאַר מיין שוועל פאַרפלאַנצט,
די יינגסטע, ווייסטע טויבן צום מזבח מיר געבראַכט
און דאָס ליד פון גרעסטן גליק געזונגען מיר אַ גאַנצע נאַכט.

פאַר דיר האָב איך — אַ נזיר — אויסגעמיטן יעדן קוואַל
פון שטראָמענדיקע פריידן און שוימענדיקער פרויען-גאַל —
ווער ביזטו, קינד, וואָס האָסט אַנטפּלעקט זיך פאַר אַ זינ-
דיק-טמא'ן,
אים געהייליקט און געבענטשט, נישט פרעגנדיק זיין נאָמען?

קענסטו מײנע זינד

ציטערדיק־פאַרטרויט טראָגסטו אונטער דײַן באַגער.
וואָלט איך, מידער, אין אים בלאַנקען ווי אַ שיפל אויפן ים —
איז מײַן נשמה זינדן־שווער
און וועט דיך רײַסן אין איר אָפּגרונט,
קינד.

קענסטו מײנע זינד?

אײַנגעטוליעט אין מײַן שויס
עפנט זיך דײַן האַרץ פאַר מיר
ווי אין טוי זיך עפנט אַ פאַרשמאַכטע רויז — —
ווי אויסגעמאָסטן־ציכטיק איז דײַן גלאַטער שרײַנט —
וואָלטן נאָר אויך מײנע וועגן זײַן אַזוי באַרעכנט
קינד...

אין וועלדל טונקלט און אַ דונער טראָגט זיך פון דער ווײַט —
גײ אַוועק, מײַן קינד
און חלום פון אַ הייסן בליק, וואָס צאַנקט אין מיר.
אין דײַן צעטרערטן אויג וווינט די הייליקייט,
און מײַן באַגער — איז זינד.

גײ אַוועק און פרעג נישט וואָס איך האָב געוואָלט
און קלער נישט וואָס וועט ווײַטער זײַן —
אין פאַרוועלקטע רויזן ליגט דאָס שפּעטע גאָלד
פון אַן אויסגעשטראַלטן, פריִען זונען־שײַן.

נישט רירט אייך צו

נישט פֿרעג זיך נאָך, מיין מיידל, אויף מיין צעשפּילטן האַרץ:
ס'איז ליבעגדיק און ברויזיק, אָפט מייד עס און אָפט גאַרטס,
ס'איז קלאָר ווי דיינע שויסן און אָפט ווי זיי אויך שוואַרץ –
נישט פֿרעג זיך נאָך, מיין מיידל, אויף מיין צעשפּילטן האַרץ.

גענעץ נישט צו מיין אָטעם – ער שלעפּערט כיטרע איין
און שיפּט דיך אין זיין שטורעם דעם טויט נאָר נענטער צו,
און ריר נישט מיינע אויגן – זיי ברענען מיט אַ פֿלאַם,
וואָס גיט נישט מער קיין רו,
און כאַפּט ער זיך אין האַרץ אַריין
איז זיכער ער ווי סם.

אַזוי געוואָרנט האָב איך אַלע: מייד מיך ווי אַ קראַנקע שויס—
עס קייקלט זיך אַ האַרץ – אַ באַל,
און איך שפּיל דאָך בלויז – –
היינט פֿאַרשעלטן זיי דאָס לעבן
און אויף זיירע ליפּן איז דער נאָמען מיינער גאַל.

דו האָסט געוואַרט, מיין מיידל, דורך הייליק-לאַנגע נעכט
אַ הייליקער זאָל קומען צו דיין מיידל-בעט –
און איך האָב מיינע זינד פֿאַרטיילט צווישן מיידן-קנעכט.

איך ווייס: דיין האַרץ וועט ברעכן — עס איז אַ שטילס
און צאַרטס,
און וויינען וועסטו ווי אַ האַרפּע אינם שטורמווינט —
אָבער מיינס איז אויך געבראָכן — און אַן אָפּגעגאַרטס,
דעריבער שענקט עס שטיקלעכווייז און געניסט נאָר שאַרבנווייז,
מיין קינד.

נישט פרעג און נישט גענען, מיין מיידל—איידער האָסט באַקלערט:
דו האָסט דאָך נאָר מיין סערענאַדע פון דער ווייט געהערט,
דאָס האָט דאָך נאָך געוווּנקען מיין לייכט-טורם אין דעם
נאַכטן-שוואַרץ
און דו ווייסט דאָך נישט אַפילו צי האָב איך נישט געשטיפּט — —
בענטש מיין אינזל, מיידל, ווו האָסט זיך דורכגעשיפט
און ווי אַ שאַרפן שטיין מייד אויס מיין אָרעם האַרץ.

נעם מיין זעל

פראַניע'ן

וואָס האַלטסטו ווידער דיינע אויגן ווי אין טרוים פאַרמאַכטן
חלומסט אַלץ נאָך וועגן ריטער און זיין גאָלד-געשפאַן ?
אָדער האָט זיך דאָס דער אומעט טיף אין דיר צעטראַכט,
וואָס דאַרפסט אַוועקגעשאָנקען ווערן צון אַ פרעמדן מאַן — —
וואָס צאַפּלט זיך אַזוי דיין וועזן אין האָפנונג-פולסטן
אויפדערנאַכט ?

טוליע איין מיין הייסן שטערן אין דיין בלאַס געזיכט
וועט שטראָמען אין דיר וואַרעמקייט ווי אין די קינדער-טעג —
איצט נעם מיין זעל אויף דיינע וועגן און ליין זי ווי אַ
שטיל געדיכט

וועט זי, גליענדיק פאַר דיר, באַלייכטן דיר דעם וועג.
און קומסטו צון אַ ברעג —
גיב אַ קוש און לעש זי אויס ווי אַן איבריק ליכט.

ביי איר איז ליכטיק

אין ליכטיקייט איר פענסטער, מיינס — אין שאָטנס שוואַרצע,
ז'איז מקריב צון אַ פרעמדן ליכט, וואָס בלענט זי און פאַרנאַרט זי.

צי ווייסט זי נישט, אַז ס'האָט מיין זעל פאַר איר דאָס ליכט צעפלאַטערט
און מיט איר יעדע וואַקלעניש אַ פונק נאָך פונק גצפטרט?

אומזיסט האָט זיך די גאַנצע נאַכט מיין זעל ביי איר פאַרזאַמט...
איך צינד דאָס לעצטע ליכטל אָן — זאָל זיין פאַרפלאַמט, זאָל זיין פאַרפלאַמט.

טויזנט וועגן

אַלע גלייכע, ברייטע וועגן
פירן צו מיין טיר —
וועמען דאַרפסטו דען באַפרעגן
ווי דו קומסט צו מיר?

דער ערשטער וועג — פאַרגעטערונג:
זיך רויטלען, שטאַמלען ווען איך רעד
און ווי פאַר גאָטס מזבח קניען ביי מיין בעט.

און האָסטו אָן מיין זייט נאָר דורכגעוואַכט אַ נאַכט —
שטייען אַלע וועגן אָפן פאַר דלילהס מאַכט:

זיי רויִק און באַמי זיך נישט מיין גרויסקייט צו דערגרייכן —
וועסט געפינען שוין די מאָס מיט מיר זיך אויסצוגלייכן —
דו פאַרשקלאַף נאָר און מאַך דינען דיר דיין שמשון־גאָט
ביז האָסט צו זאַטקייט אויסגעטרונקען זיין גבורהס סוד —

דעמאָלט טראָג אַרויס אין גאַס די פולע שאל פון דיין פאַרלאַנג
און יעדן, יעדן טראָפּנווייז אונזער סוד דערלאַנג.
ווייטע וועלטן, זייטן־וועגן
שיידן דיך פון מיר,
וואָס־זשע דאַרף איך נאָך באַפרעגן
פאַרוואָס דו מיידסט אַצינד מיין טיר?

אויפן שייד־וועג

חנהן

צום לעצטן מאָל פֿאַרבעט איך דיך —
מיין געלעגער איז נאָך ווייך און זעטיק איז מיין טיש,
און אויך דיין בילד איז, ווי דו זעסט, נאָך אויסגעשטעלט אויף מיין קאַרניזש,
אַלץ איז גרייט — צום זעגנען זיך.

נישט זוך אין מיינע אויגן דעם ציטער פֿון געוויין
און אויך אין דיינע אויגן לאָז שיינען לעצטע רו,
נעם דעם בעכער אין דער האַנט און מיט אַ שמייכל ווינטש מיר צו —
מאָרגן וועט עס זיין געטון, וואָס לאַנג איז שוין געשען.

דאַנק דיר פֿאַר דעם גוטס, פֿאַר אַלע גאָבן מיר געבראַכט
דורך זון־באַהעלטע טעג און גליק־דערפֿרייטע נעכט,
מיין האַרץ נישט ווייסט קיין שלעכטס — נאָר איינמאָל האָסטו עס פֿאַרשוועכט
ווי די פֿול־לבנה ווען אַ זונה ביי איר לאַכט...

זייַ אָדאָ — זאָלן בליקן רון זיך אַקעגן,
זענען מיר דאָךביידע מידע, כאָטש אין האַלבן וואַנדער — —
דערמאַן היינט נאָר דאָס שענסטע, און מאָרגן — אָפּגעשייט און אויסנאַנדער
פֿירן אונז די וועגן.

זיך ארומגענומען

זיך ארומגענומען, אין מיטן פעלד געזעצט
און אונזער ליד פון ליבע געזונגען ביז צולעצט.

אין יונגער, פריער וועסנע פארזייעט ווינט און שאָטן,
קאָן קיין זומער בליען, קאָן קיין אסיען נישט געראָטן.

אויסגעוואָרצלט יעדן אנדענק פון אמאליק גליק,
אפגעזעגנט — און פארשווּנדן איז זי פון מיין בליק.

און ווען דער טוי האָט זיך געפּערלט אינם גאָלד פון מאָרגן-פרי
פארגעסן האָב איך אלע לידער — נאָר נישט זי.

האָב איך אויסגעקושט די ערד, א האָפּערדיקער אויפגעשטאנען
און מיט נייע לידער אויף די ליפּן גענומען נאָך איר שפּאנען.

לעצטער בריוו

געווען אַמאָל אַ צייט:
בײַ דיר אין שויס פֿאַרוויגט
פֿלעג ווערן אַזוי נאָנט מײַן קינדיש גליק
און אַלע זאָרגן אַזוי ווייט —
ביזט אַ מאַמע מיר געווען.

און האָסטו ווענס געשטרויכלט איבער דאָרן —
פֿירן דיך און דיך באַשערמען פֿלעגט מײַן אײַטלע האַנט,
און ביזט אַ טאָכטער מיר געוואָרן.

האָסט באַגלייטן מיך געזאָלט אין מײַן אויסגעטרוימטן לאַנד —
ביזטו מיטגעגאַנגען אַזוי לאַנג ווי האָסט געהאָפּט,
אַז זייד-באַלאָדן וואַרטן מײַנע שיפֿן דאָרט.
און קוים האָסטו געטראָפֿן אַן אויסגערויבטן באָרט —
האָסטו זיך אָפּגעווענט
און אונזער לעצטע בריק אין רויקייט פֿאַרברענט.

נו בין איך שולדיק
וואָס אָפֿט פֿלעגסטו מיך רופֿן „שאַץ",
און איך
אַ חוץ אַ זאַטע נאַכט און אַ שוסטער-פּלאַץ
האָב נישט געקאָנט דיר שענקען

ניִשט קיין גאָלדן קאַלב און ניִשט קיין זיידן-לאַם
— — —
און אַפּט פלעגסטו מיר זאָגן: איך ,בין דיין „ערשטע פלאַם״ —
און פלאַמען צאַנקען אויס און פייער לעשט זיך אָפּ
— — —
האָסטו אויסגעטון דאָס לעצטע פייגן-בלאַט
פאַרקויפט דיין פרויען-גאָב —
איצט ביזטו זאַט.

שיק איך דיר דעם לעצטן בריף
דורך לעצטן טייבל, וואָס איך האָב — — —
און ניִשט קיין מאָנונג, ניִשט קיין רוף
זאָל ברענגען דיר מיין טויב —
עס איז דער לעצטער סנאָפּ
פאַרשניטן פאַר דער צייט,
ס'איז פון מיין ווייִן די זיסטע טרויב
אויף לעצטן בלעטל ביטערקייט.

בענקשאפט

דעם רום וויל איך פארשענקען, די פרייד פון שפיל און ליד
די אָנגעהויפטע שפייכלערס און שווער פארדינטע רו,
איך וועל זיך שלעפן איבער סטעפעס א דורשטיקער און מיד,
נאָר מיר ביי זייט אויך וואנדערן זאָלסטו.

— וועסט פארלירן רום און פרייד און אָנגעהויפטע מי,
בלאנקען וועסטו איבער סטעפעס מיט שגעון אין בליק,
אלץ וועט דיר אקעגנקומען—נאָר נישט זי,
די ערשטע ליבע איז ווי יוגנט: זי קומט נישט מער צוריק.

און בלייבסטו אויך פארגאנגענהייט ווי אינם ים-גרונט בלייבט
א פונק —

ווי אָרפעאוס גיי איך נאָך אין דיין אונטערוועלט,
איך קוש דעם שאָטן פון דיין זעל אין ליכטיקער דערינערונג,
און זוכנדיק דיין ווייט געצעלט
שפיל איך אויס פאר דיר דעם טרויער פון מיין שווער געמיט—
דו ביזט דער אָנהויב און דער סוף פון מיין נישט-פארענדיקט ליד.

אײן ליבע

העניע'ן

איך נעכטיק איבער אין פאלאצן אויף א זײדן בעט —
װער װײסט װי ערגעץ זי, מײן קינד, פארברענגט א צינד
די נעכט ?
קאן זײן: אין בענקשאפט—װי א מאמע—גײט איר אטעם אויס,
װעל איך בלײבן דא א יתום אין א פרעמדן הויז.
אפשר בלאנקעט זי אין טרויער, זוכט מיך צװישן קברים
װען איך לעב דא ליב-פארשכורט — פרעמדע אין די אָרעם.

נישט אין בענקשאפט, נישט אין טרויער, אויך נישט צװישן קברים—
נאך א זאטער סעודה שטרעקט זי אירע אָרעם
צום נאנטסטן שכנס זון
מיט אים אין פרײלעכקײט צו רון — —
דאס לעבן איז פארגענגלעך—מיט אים די ליבע אויך,
איז ליבן און פארגעסן א טעגלעכער געברויך — —
איך װײס עס — און בין רויק.

נאר שטערט מיר נישט, איך בעט אײך, די נאכט דא
דורכצודרימלען —
איך װיל כאטש אינם חלום הײנט װידער זײן אין הימלען.

וועל איך גלין אין פיבער – שרעקט זיך נישט פאַר מיר,
דאָס וועט נאָר זיין די ליבשאפט, וואָס טליעט נאָך צון איר.
און וועקט אייך מאָרגן פרי די זון – מיך לאָזט נאָך רון בשלום:
קיין זון קאָן לייכטן אַזוי שיין ווי אַ ליבעס-חלום.

איך ווייס: איך האָב צון איר פאַרשענקט אַ גרויסן טייל
פון לעבן –
זי האָט מיר אָבער פאַר מיין טייל דאָס שענסטע גליק געגעבן.

ביים ווידערזען

עס פינקלען דיינע אויגן ווי אויף דיין האַנט דער חופּה-רונג —
וואָס האָסטו זיך פאַרקלערט?
עס איז אַן אַלטע מעשה — ווי אָפּטמאָל שוין געהערט:
גייט אַן אָוונט-וואַנדערער, פאַרלאַקט אים ווי אַ פונק,
קומט ער צון אַ שלאַנגען-נעסט און טרעפט אויף פרויען-
אויג-געוווּנק — —
וואָס האָסטו זיך פאַרקלערט?

געווען, אַפּנים, זינדן-שווער,
אויב ס'האָט זיך היינט, ביים ווידערזען, דיין אויג אַזוי פאַרטרערט...
צי אפשר איז דאָס ווידערזען אויך נאָר אַ געגאַרטס
ווי ס'איז געווען אַמאָל דיין קומען און דיין גיין — —
ווער ווייסט דעם סוד פון פרויען-האַרץ?

זאָל ליבערש זיין ווי ס'איז געווען:
גיי אַוועק און זאָל אין שלום אויסגיין אויך דער לעצטער שטראַל.

איך וועל שליסן טויר און פענסטער און שטעלן פאַרגעסנקייט
ביים טיר —
סיי-ווי וועט שוין דאָס ליבעס-גליק נישט קומען מער צו מיר,

און דו — דיין טויר און טיר צעפּראַל
און שטעל אַרויס ביים שוועל פון הויז

אין ליבעס-שפּיל אַ קאַץ און מויז
און פאַרצייכן איבער זיי: „דאָ איז אייביקער פאַרפאַל" — —

און קומט נאָך ווער צו דיר —
דערלאַנג דיין בעכער צויבעריי
פון אויג-געוווּנק און נאַרעריי —
אַזוי ווי מיר.

איך קאָן פאַרשטיין

ערשט איצט, ווען אונזער וואָגלען איז צו ענד
און דו ווילסט אַלץ זיך נישט צעשיידן,
ערשט איצט קאָן איך פאַרשטיין פאַרוואָס אַלס קינד פלעגסטו
פאַרמיידן
דעם באַריר פון מיינע הענט.

ווייל נאָר אין הונגער נאָך באַרירונג קאָן דער זוכנדיקער איך
שטרעקן זיינע פילערס און פאַרזויגן זיך.
און נאָר געפּאָרטע מאַן און ווייב
אין צופאַל בלויז צענויפגעפירט ווי בליטן-זאָמען אינם ווינט
מוזן בלייבן אינם יאָך פון זייער אויפגעצוווּנגען קינד.

ערשט איצט, ווען יעדע אָנבאַרירונג רירט ביז משוגעת,
ווען אונזער ביידנס עגאָ שרייט עקל און געהאַס,
ערשט איצט קאָן איך באַגרייפן דעם עול פון זיין געפּענט
און ווי אָפט מען מוז פאַרמיידן דעם גלעט פון פרעמדע הענט.

אַלטע פּראָסטיטוטקע

בינד דיין אָטעם אין דער ברוסט —
ער קאָן די פּעסט פּאַרזייען
וועט שטאַרבן אין אַ געלער זעכט יעדע מענער-לוסט.

די נאַכט האָט דיך געבוירן אין אירע פולע ווייען — •
איז קנאָכיק דיין באַריר און שפּיציק יעדער גלעט
און בויערט זיך ווי מיט שאַרפע נעגל אינם לייב,
אין דיינע אויגן איז די פינסטערקייט געבעט —
פאַרדינג זי נישט צו וויסער נאַכט פאַר אַ לאגער-ווייב.

די נאַכט פאַרפירט אין מאָרגן-ווינט,
און ווי פאַרשפּעטיקטע געוויקסן אויפן ווינטער-פעלד
ציטערסטו פאַר קעלט — —
ווו איז מאַן? ווו איז אַ קינד?
איז פון באַצאָלטן אויג-געוווּנק
צו רייצן מענערס וואַרעמקייט
פאַר דיר אַליין נישט איבריק כאָטש אַ פונק?

דיין פאַרסמטער שמייכל מאַכט ציטערן די שטילקייט אין איר דרימלען
און פאַר דערבאַרעמקייט
שמייכלט מיט — און וויינט מיט דיר די לבנה אויף די הימלען...

דיין שאָטן, אַ געבראָכענער, פאַרגנבעט זיך אין עק
שיף גישט ווי אַ קעצל אויף דער גיך —
טויזנט מענער וועלן נאָך אין פינסטערן פארשטעק
זויגן פון דיין אויסגעצוימטער דיך.

צוויי מיידלעך

ביידע שוין האָבן די הערצער פאַרגעבן,
ביידע באַשערטע געפונען אין לעבן –
ביידע שוין גליקלעכע מיידלעך.

איז איינע נישט באַרעכנט – געמאַכט אַ פאַלשן שריט,
וואַרט זי – און באַשערטער ווייזט זיך מערער ניט – –
אָרעם, אָרעם מיידל.

די צווייטע, צנועות-אָפּגעהיט, בלייבט אַ נישט-באַרירטע
און באַדויערט האַרצנס-טיף די שוועסטער די פאַרפירטע –
זי, די גליקלעך-אָפּגעהיטע.

חלומט ערשטע פונם גליק דעם אויפגעפלאַמט-פאַרצערטן,
וואָס האָט כאָטש איינמאָל איר געשיינט אָן זייט פון איר באַשערטן·
דאָס טרוים-באַגליקטע מיידל,

וואַרט די צווייטע און זי האָפט, האָפט אַ יאָר נאָך יאָר,
זילבער-טרוימען איז דאָס האָפן –ווערן זילבער-גרוי די האָר – –
אָרעם, אָרעם מיידל.

און ווי דער שטייגער: אָפּגעהאָפט–גענומען זיך צום חופּה-גליק–
ביידע שוין אַ ווידערקול, וואָס קומט נישט מער צוריק – –
אָרעמע, אָרעמע, מיידלעך.

ליבעס-עפּאָפּייע

געטראָפֿן זיך אין ביבליאָטעק—געכאַפּט אַ בליק אויף גיך
און באַלד פֿאַרפֿירט אויף רעכטס און לינקס אַ מעכטיקן ויכּוח:
לאָגיק, פּסיכאָלאָגיע און סעקס-געפֿיל אינמיט —
עס מאָלט זיי די פֿאַנטאַזיע אויף הימל אַ יריד — —
נאָר האָט מען דען באַדאַרפֿט דערצו ויכּוחים אַזוי לאַנג?
געענדיקט האָט עס זיך אין פּאַרק — אויף אַ גראָזן-באַנק.

די מיידלשאַפֿט און בחורשאַפֿט וואָלט אויסגעליבט פֿאַר
אייך מיין גראַם,
נאָר ס'איז געשען וואָס דאַרף געשען—איז'ס וויל באַקאַנט שוין
מן-הסתם:
אַ בחור מוז נישט זיין פֿאַרליבט, כאָטש פֿלאַמיק ס'איז זיין בליק,
און מיידלס אויסגעשטראַלטע בענקשאַפֿט איז דאָס חופּה-גליק,
אוןביידע ווייסן לאָגיש גוט: מאָראַל מוז בלייבן ריין —
נאָר הצרשט די פּסיכאָלאָגיע ווען מ'איז אין פּאַרק אַליין.

מיידל האָט פֿאַרגעסן זיך — אין בחור תּאווה זיצט,
ווערט אָפּט דער שטורעם ערשט באַוווּסט, ווען אַלץ איז שוין
פֿאַרבליצט:
זי אַ פֿלאַם און ער אַ שטורעם—פֿלאַקערט אויף דאָס האַרץ אין ברוסט,
וואָס איז נאָר אָפּט אַ צינדערל צום פֿאַפּיראָס פֿון לוסט — —
פֿאַררויכערט און פֿאַרלאָשן און—אויף אייביק שוין נישט „אירער".
שפּיים איצט גאַל דאָס מיידל אויף איר „בלוטיקן פֿאַרפֿירער".

זונה-ליד

אַן אָרגיע פֿאַר יונגעלייט,
פֿאַר באַוויבטע — אַן עלעקסיר
שענק איך פֿאַר אַ טאָלער פֿרייד
און שכּורקייט — פֿאַר פּיר.

איינס נאָר קאָן איך נישט פֿאַרהיטן
ווען אייער גיריקייט מיך פֿרעסט:
צו שפּייען אייך אין די אַפּעטיטן
און אייך זעטיקן מיט פּעסט.

אַ פּופּע אין פענסטער

דיר, מלכּה, אין קעניגרייך פענסטער,
דיר, ליפּן-גערויטע און אויגן-גלאָז בלוי,
פאַרשענק איך מיין גלויבן, מיין ליד און מיין ליבע —
איך וויל דיך באַמאַנען מיט מענטשלעכן טוי.

געפּאַרבטע אויך זענען די שמייכלען פון פרויען,
און גולמדיק איז אויך דיין שוועסטער-געשלעכט,
נאָר קיינע ווי דו ווערט אַזוי נישט פאַרשווייגן
איר שטילע פאַרליבטקייט דורך איינזאַמע נעכט,
און גיב איך אַ דאָלאַר — פאַרבלייבסטו מיין אייגן,
געטרייער און לענגער ווי דאָס פרויען-געשלעכט.

אַ מאַרמאָר-קאָפּ

קלאַרעץ

מײַן הינטל שפּילט זיך מיט דער צװײג:
„זײ מײַן אוצר, שײנער עק״ —
זי פאַרמרוזשעט שטאָלץ דאָס אױג
און דרײט באַלײדיקט זיך אַװעק.
„מײַן מײדל, טראַכט דאָס הינטל מײַן,
מוז נעבעך אַ פאַרשעמטע זײַן
און שרעקט זיך פאַר מײַן מענערשאַפט״.

אַנדערש איז דער מאַרמאָר-קאָפּ,
װאָס כ׳האָב אין װינקל שטײן:
העלזל-צאַרט און שטערן-שײן,
ליפּ און בערדל מיט אַ טראָפּ —
פאַל איך אויף די קני פאַר איר,
װיל זיך פרײַזן, זינגען מיר
אַ ליד צום שײנעם מאַרמאָר-קאָפּ
װאָס שרעקט זיך נישט פאַר מענערשאַפט.

קען קײן װערטער נישט מײַן שיר,
פײַף איך, פײַף איך בלױז צו איר
צום מלאך-קאָפּ, צום מײדל-גאָט —
עס בעט און װאַרט אויף דײַן געבאָט
מײַן מענערשאַפט!

װערן אירע מאַרמאָר־אויגן
מיט מײַן תּפֿלה אָנגעצויגן –
און איך גלייב: אַ קוואַל פֿון לעבן
װעט איר באַלד מײַן שירה געבן,
איד– מײַן שײנעם מאַרמאָר־קאָפּ,
װאָס װײסט נישט פֿון קײן מענטשאַפּט,

אין טראַמוויי

אַ סטאַנציע, עס גייט אַראָפּ אַ מיידל —
„גוד ביי, מיין שיינינקע"
שעפּטשעט דער קאָנדוקטאָר איידל.

אַ סטאַנציע, עס גייט אַראָפּ אַ צווייטע מיידל —
„גוד ביי, מיין שיינינקע"
איז ווידער דער קאָנדוקטאָר איידל,

און פאָרנדיק אַזוי אַ שטרעקע עלעגאַנט און איידל —
דערפרייט זיך יעדעס זייטן-געסל
מיט אַ גליקלעך מיידל.

טשאָבערל

און ווער — שוואַרץ־חנעוודיקע מויד מיט שמינקע ווייס און רויט
וואָלט זיך גלויבן דאָס, אַז כ'האָב דיין האַרץ געראויבט!

ווען אַ ווייבספּאַרשוין ווי דו פאַרבעט מיך אין איר
שלאָף־באַוווין —
צען בת־מלכּהס וויל איך קעפּן און דיר אָנטון זייער קרוין!
וויל איך, ווי די פרומע אין בבל, הויבן הויך מיין רעכטע האַנט
און שווערן איבער די געוועסער פון אונזער אָפּגעדעקטער שאַנד
דיך נישט צו פאַרגעסן און בלייבן אין דיין הויז
ביז נאַכט און לוסט אונז גייען אויס!

אין נאַכטיקער פאַרגעסנקייט האָט תאווה אונז פאַרפּלייצט
ביז זון האָט געלע פייערן אין פענסטער איינגעהייצט —
איצט, ווילסטו, זאָל איך דיר צום לוין—אַ ליבעס־אָדע זינגען?
איך ווייס וואָס איך בין שולדיק דיין גליק־געבענטשטן פייער —
נאָר אין דיינע אויערן עדלשטיינער קלינגען,
זענען זיי פאַר מיינע אָדעס אַ ביסל שוין צו טייער — —

צו וואָס באַשרייבן און באַזינגען?
דו הייס מיר ליבערש גיין אָן לידער און אָן רייד —
נאָר ביי דיין אָנטון און ביים אויסטון דאָס זיידן אונטער־קלייד
הויב אויף די הענט צום הימל ווי איך, מיין קליינער גאָט,
און דאַנק אים פאַר דעם חסד פון אַ נאַכט־פאַרבראַכטן סוד.

ווייטלעכקייט

עס איז געווען אַ פֿלירט פֿון אָוונט ביז צו מאָרגן־רויט,
אַ וווּנדערבאַרע נאַכט – און שיר נישט ערנסט ווי דער טויט:
פֿון ליבע און פֿון קונסט דיר אָנדערציילט אַ פֿולן קאָפּ,
און דו האָסט אַלץ אויף דיין „דערפֿאָלג״ געלייגט דעם
שווערסטן טראָפּ.

האָסט אָפּט געווונטשן: זאָל דיין זעל ווי מיינע זיין באַפֿליגלט
און טויזנט וועלטן זאָלן ליגן טיף אין איר פֿאַרזיגלט –
היינט פֿליסטו אום אין טויזנט וועלטן זוכן דיין באַשעפֿער,
ביסטו איצט אַ פֿויגל־פֿרייע פֿאַר איעדן שרויטן־טרעפֿער.

אַ וווּנדערבאַרע נאַכט, געפֿלירט ביז מאָרגן האָט געגרויט:
געציילט האָסטו דערפֿאָלגן, און איך – איעדנס שרויט.

צו ל. פ.

נעבן אונז — דיין קינד,
דער אויפבלי און פרוכט פון דיין רויזיקן לייב,
דער סטאַטישער טאַקט פון אַ פרעמדנס גענבליטן,
און מיר — ווי צעכוואַליעט אַ אינדר צון אַ איגד
יאָגן אין שטראָם פונם בלוט דעם צעזידטן—
דער מאַן און דאָס ווייב
אין ברויזיקן אויפשטייג פון אייביקייט.

פאַרגייט דיין קינד אין אויפגעשוימטן ווייַ
ווי אָפּגעשייטער בלי פון אייגן לייב —
טראָגט זיך איבער אים
פון לעבנס צווייַ דער זיין- און ווערן-אויסגעשרייַ,
די צעבליטע בויגיקייט
פון מאַן און ווייב.

זאטקייט

אויסגעלאָשן פונק און פלאַמען — מיר ביידע זענען זאַט:
דו ליגסט פאַרשלאָסן, שווייגנדיק ווי אַן אויסגעלעזן בוך,
דיין האָר נאָר ציטערט אין מיין אָטעם ווי טויטן פויגלס ווייכער פוך
און נאָר אַ שמייכל ביי דיין מויל וויאַנעט ווי אַ האַרבסטיק בלאַט.

דאָס קעצל אונז צופיסנס ראָסטעט זיך אין לאַנגן גענעץ —
אויך זי האָט אויסגענאַשט ביינאַכט די לעצטע מויז אין שייער,
אומזיסט נאָך שאַרט דיין האַנט אין זשאַר פון אויסגעלאָשן פייער —
דער שייטער-הויפן האָט פאַרצערט נשמהס לעצטן פענעץ.

דער מאָרגן גרויט. די אסיען-זון האָט קופערן צעלאַכט זיך,
דו פאַרמאַכסט די אויגן-לידער ווי לאָדנס איבער טרוימען, —
דער מאָרגן נאַרט דיך ווי דער טרוים — ווי אונזער נאַכט,
מיר דאַכט זיך...

געליידיקט איז דער בעכער פון דעם ברויזנדיקן שוימען —
אויסגעלייזט די ליבע...
און איבער מיין הילפלאָזער מאַטקייט
שוועבן געפאַלענע בלעטער—די גלידער פון ווייבלעכער זאַטקייט.

דורך מײַן דינער

רעגינאַ

פלומען שיקט מיר אײנע,
אײנע שיקט אַ קרײַז,
און די דריטע ברענגט
איר גאַנצן פרויען-רײַז.

„שײנע אויגן, יונגע ליפן,
נאָר די באַקן עפעט בלאַס"
האָבן אַלע, זאָגט מײַן דינער,
אויסגעלויבט מײַן מענער-פאַס.

שמײכלט כיטרע מײַן באַדינטער —
איך טראָג מײַן פעדער-הוט אין גאַס,
האָט נאָך קײנע נישט באַמערקט
מײַן גראָ-געפלעקטן שלײפן-פאַס.

נאָר די דריטע האָט אַ טענה:
איך האָב בײַ אַנדערע פאַרבראַכט — —
— האָסט דאָך, ליובע, אויך אַ דריטן,
פעלסטו קײנמאָל נישט אַ נאַכט?

מיר זענען, ליובע, צוויי געליבטע
ווי מײַן גליק און איך:

אייעדער האָט אַ דריטן —
דעריבער מיידט מען זיך.

און אַלע, גלויב איך, נאַרט איר אייך
מיין דינער ווייסט דעם שפּאַס:
איר וואַרט אויף אוצרות — און מיין זילבער
איז בלויז אַ גרויער שלייפן־פּאַס.

צייטיקע רויזן

שמעקן רויזן — יונגער וויין — און ציטערן אין אוונט-ווינט
יעדע רויז אַן אויסגעוואַקסן, צייטיק מיידל-קינד,
קאָן זיי יעדער קויפן אויף יעדן מאַרק אין לאַנד,
ווייל איך איינע נעמען — צעבלוטיקט זי מיין האַנט.

איך ווייס עס-קומען וועט אַ מאַן געלאָקט פון אַראַמאַט,
וועט פאַר יעדן רויזן-בלאַט באַצאָלן אַ דוקאַט,
דערנאָכדעם פרעגלען זיי אין צוקערדיקן פאַנען-זאַד
און אויף אַ זילבער-טאַץ סערווירן פאַר זיין לייב-קאָמפאָט —

און איך וואָלט דאָך געצערטלט די צאַרטע רויזן-בלום,
זי געטוליעט אויף מיין ברוסט ווי אַ הייליקטום — —
שמעקן רויזן — יונגער וויין — פאַרשפּורן אַ לאַנד,
ווייל איך נעמען איינע — צעבלוטיקט זי די האַנט.

שפּיל אין ליבע

וואָלטן מיינע הענט און ליפּן אויפמישן געקענט
אין מיין זכרון אַלע קושן און די אַלע צערטלעכקייטן
וואָס איך האָב אין טעג געגנבעט און דורך נעכט פאַרשווענט —
די אַלע נישטיקע באַדייטן און נישט-באַדייטע וויכטיקייטן
אַרום ברונעטקעס מיט נשמות ווי די בלאָנדע פּרויען-לייבער
און בלאָנדינקעס, זעלן-טונקל ווי באַצאָלטע בערג-טרייבער —
יעדן האַפּט פון פרישע ליפּן און געהאַלז פון ווייסע הענט
וואָלט איך זיי אין מיין זכרון איבערציילן נאָר געקענט!

יעדע איינע — ערשט-געבוירן ווי דער יוגנטס ערשטער טרוים,
אויסגעפּאָרמט ווי די ווענוס אין מיין קונסט פון לידער-שוים —
איז גוט געווען אין פריידן צווישן טונקל-בלאָנדע מיידן.

נאָר וויפל מאָל איך האָב דערזען ווי ערנסט ס'איז מיין אויסדערוויילטע
אַז צווישן אירע „אייביקייטן" בין איך דער איינער פון געציילטע —
אָפטן פלעג איך אין רחמנות פון געוואַגטן שריט די שיך
און באַגאַטיש צו זיי בעטן: נעמט עס לייכט אַזוי ווי איך.

מיידלעך — בלומען, קלויבן בינען באַלד פון דער און באַלד
פון יענער —
זייט איר דאָך בוקעטן גאַנצע צו דערפרייען טוצן מענער!

וואָס-זשע איילן באַלד מיט ערשטן צו פאַרכּנסן זיך אויף גיך?
פאַרוואָס נישט נעמען בין און בלומען אַזוי לייכט ווי איך?

צו וואָס פאַרזיכערן דעם אָסיען אין די פריסטע זומער-טעג?
טאָמער וואַנדער איך מרחקים, טאָמער שטאַרב איך פאַר
דער צייט —
וועט איר אפשר אין זכּרון וועגס פאַרבלאָנדזשען אויף מיין וועג,
רייסן בלומען פון מיין אָנדענק און באַטיילן יונגעלייט —
די גאַנצע פּראַכט פון בלומען ליגט אין לייכט-צעשפּילטן
זונענשטראַל,
צו וואָס-זשע ערנסט שאָטענען די טעג אין ליבעס-קוואַל?

גוט איז מיר אין זאַטע פריידן צווישן בלאָנד-ברונעטע מיידן.
נאָר וויפל מאָל איך זע ווי ערנסט זיי פאַרקלערן זיך
ווערט דערשראָקן מיין געפיל — —
פאַרוואָס נישט נעמען אַלץ ביינאַנד ווי אַן אויסגעטראַכטע שפּיל
אַזוי ווי איך — ?

געטלעכער סעקס

מיינט נישט, אַז מיין האַרץ איז שטענדיק ווי אויף פרויען־יאַגד
און קיינמאָל נישט געזעטיקט מיט זיין רויב,
פאַרקערט: עס פלאַטערט ווי אַ טויב —
נאָר אָפט פאַרבלאָנדזשעט עס אין אַ פרעמדן טויבן־שלאַג.

ביסט יונג און נעמסט דיין יוגנט מיט אויף יעדן וועג —
פאַרטייל זי ווי עס טיילט דאָס לעבן דיינע יונגע טעג
און מעסט נישט ווי די לאַנגע מיילן דיין יעדן טו און קער: —
לאָז האַפטן אויף אַ יעדן אָפשטעל דיין זינדיקן באַגער.

און בלייב נישט לאַנג:
די בלעטער דורך ווי אין אַ בוך אויף דיין ליבעס־גאַנג
נישט נאָר הפקר־שוועסטער, נישט נאָר שטילע טעכטער —
אויך די געטרייסטע ווייבער פון די שטרענגסטע פרויען־פעכטער!
ביי זיי איז איבריק שוין אַפילו יעדער מעג־געפרעג,
און פאַר דעם „גאָלדענעם מיטל־וועג"
איז אויך נישטאָ קיין סיבה:
ביי זייערע מענער נעמען זי
מתנות
און דיר פאַרטיילן זיי
די ליבע —
און ווייסט דאָך: מיר באַגערן נישט אַזוי די פרי,
ווי אָפט צו מאַכן נאָר אַ ברכה איבער דער עבירה —

האָט נישט קיין פאַריבל למאי? מיין האַרץ האָט נישט געקליבן:
מיין שטורעם בלעטערט אינם פרויען-בוך איינע נאָך דער צווייטער—
און כאָטש געווען אַ ווײַלע נאָר צו יעדער אַ באַגלייטער
האָב איך אָפט ביי זיי אין בוך דאָס שענסטע ליד פאַרשריבן.

אין שטאַם-בוך

העליע'ן

ביסטו נאָנט צי ביסטו ווייט פון מיר —
אויף דיין נאַכט-געלעגער הינטער שלאָס און ריגל,
צי שטייסטו אַ פאַרקלערטע פאַר דיין שפיגל —
אומעטום און שטענדיק בין איך דאָ ביי דיר.

געוואָרט האָב איך אַ זומער צייט — עס איז שוין שניט פאַרביי,
עס פאַלן שוין די האָר פון קאָפּ מיט יעדן בלאַט פון לוח —
אין אָוונט-גרויער טרוימעריי
ליין איך ביז צום לעצטן בלאַט אונזער זיגל-בוך.

קאָן זיין, אַז אויך שוין דיינע שלייפן באַשנייצן זאָרגן-ווייסע פלעכטן,
אַז דיינע רויזן אויף די באַקן וויאַנען אין פאַרבענקטן נעכטן.
אָבער אונטער שטערנס ווינטער שטראַלט די וועסנע פון די אויגן,
איז מקנא זייער טרער דער זומערדיקער רעגנבויגן,
און דיין האַרץ — אַ רייכער אָסיען — טראָגט געוויס אין זיך די פרייד
פון אונזער יוגנט-צייט.
איך ווייס ווי אָפט עס פלעגן דיך באַטריבן מיינע זינד
געשענקטע מאַרקעטענדערינס אין אָפענע געצעלטן —
ווייל מענערשע תאוה איז ווי פליעווע אויפן ווינט — —

אָבער אויך אין שכורקייט פלעג איך צו דיר בעטן,
און דו — אַ רחמים-פולער גאָט — פלעגסט מיר אַלץ פאַרגעבן.

וואַרט איך איצט אויף אָפּשייד-וועגן
וואַרט שוין באַלד דאָס גאַנצע לעבן —
ביי וועמען מאָנען, וועמען פרעגן
אויף מיין יוגנטס שענסטן טרוים ?

אָפּגעלייענט דיין הייליק שטאָם-בוך ביז צום לעצטן בלאַט
שליס איך עס און קוש באַגאַטיש זיין פאַרמאַכטן זוים —
ס'האָט געענדיקט זיך דער חלום, וואָס איך האָב געהאַט,
די שיינע מעשה וועגן מלך מיט דער מלכּהס זיבן טויבן —
אויסגעגעבן איז מיין יוגנט צו פאַרגאַנגענהייט...

די חופּה פון פאַרגעסנקייט פאַרכּנסט די שענסטע פרייד,
בלייבט נאָר: פירן צו דער קבורה מיינע טרוימען און מיין גלויבן.

צון א פֿאַרשטאָרבענער

געקומען איז דער קאַלטער טויט און טרויער-טעג די זיבן —
נאָך דיר, מיין אייגן בלוט און פֿלייש,
אין יתומקייט געבליבן.

אויף דיין קבר בליִען בלומען, שמעקן זיי מיט דיינע האָר,
וועל איך שטערן דיר אין שלום אַלע מיינע יאָר.

וועל איך וואַרטן אויף דיין קומען יעדע האַלבע נאַכט,
וועט זיין — ווי תמיד — ביזן מאָרגן אונזער גליק פֿאַרבראַכט.

און וואַרט איך האַלבע נאַכט אויף דיר — און קומסט נישט
מער מיין פֿריינט,
לאָז אָפּן שטיין דיין שוואַרצע טיר — איך קום צו דיר,
איך קום צו דיר
נאָך היינט.

בלומען אויפן קבר

איך קום צו קניען אין אַ תּפילה ביי דיין טרויער-היכל
און טרעף, אַז רויזן סאַמעט-שוואַרצע האָבן זיך אין אים צעהויזט —
איך פלעג דיך זען אין יעדן מיידלס שעמעוודיקן שמייכל,
איצט זע איך דיך אין טוי-געפונקל פון איעדער שוואַרצע רויז.

ווי אָפט געטראָטן בלומען-קינדער — און קיינמאָל נישט באַקלערט
אַז אפשר איז אַ קינדער-האַרץ אין יעדער בלום פאַרשטאַרצט...
פאַרוואָס נישט זיין אַ רויזן-בייט, אַ זעמדל אין דיין ערד —
אפשר וואָלטן אין מיין שויס צעבליט די רויזן פון דיין האַרץ.

אויף דיין קבר האָט אין בלומען די אייביקייט איר זיין צעקרייזט,
ווערט דערלייכטערט דאָס געמיט און האָפעדיק אַפילו —
וואָלט נאָר דער שטיין פון מענטשנס אָנדענק נישט צעשטאַמפּט
אַיעדע טרייסט...

דער לעצטער שטראַל פון זון-פאַרגאַנג פאַלט אויף מיינע
גראָע האָר,
בויג איך אָן מיין קאָפּ, און קני אין שטומער תּפילה
און קוש דאָס בליענדיקע גליק—דעם שטויב פון אָפּגענאַרטע יאָר.

געליבטע ביי מיין בעט

ווי אומעטיק אליין צו זיין אין שטומער, באנגער מיטערנאכט,
ווען ליגסט אין שווייגנדיקן בעטל ווי אין שטייג פארמאכט
און לעצטע האפנונג בלאנקעט אום אויף יענער זייט פון זיין.

דורכן פארהאנג בליקט אריין לבנהס ווייסער שיין —
דאכט זיך, אז דיין זעל דאס וואנדלט מיט די שטראלנס וועג,
אז דאס ענטפערסטו מיט שמייכלען אויף מיין אויסגעפרעג —
פלאטערט אן דורך דעם געוועב פון מיין זינגענדיקער שויב
א זילבער־גרויע טויב,
זעצט זיך אויף מיין בעט — און ווארקעט, ווארקעט אין א פלאטער.
ביז טרוים און וואר — א קנויל קאשמארן פילן אן די שטוב —
שטייגן שאטנס לאנגע, דארע ווי מתים פון א גרוב,
נעמען זיך צום טאנץ אין רעדער ארום דעם אויפגעדעקטן בעט
ביי די שטילסטע ראזגאווארן פון א טויטן־פלעט —
ווערן זיי דיר היימלעך, אייגן ווי דיין שאטן אויף די ווענט.

קומט געפלאטערט אלע, אלע וואס געליבט אמאל איך האב!
שטרעקט אקעגן מיר די ארעמס — איך וועל קושן אייך די הענט.
קאלט ביי אייך איז דאס געוויסן — וועט איר קילן מיר דעם קאפ
און ווארמען זיך אין מיין נשמהס אויסגעשטראלט געבעט,
וואס פארוועבט דעם וויי אין שמייכל און געוויין אין פרייד.

דרויסטע לאָקן, ווייסטע לענדן און צעכראַסטעטע ברוסט און שויס
ווי די כמאַרעס, ווי די וואָלקנס איבער בייז-צעלאָזטע הימלען,
אָרעמס — פליגל, אויגן — נעפלען אין אַ שווינדלדיקן דרימל —
קומט אַרויס, קומט אַרויס
און נעמט זיך פלעכטן און פאַרדרייען אין געהעצטן קאַראַהאָד
פלאַם-פאַרהאַלזט און פלאַם-פאַרשמאָלצן אין אַ גאָרן איבער גאָרן—
זעל צו זעל און סוד אין סוד
ווי אַן ארון אין אַן אָרון —
קומט אַרויס, קומט אַרויס!

די נאַכט האַלט אויסגעשטרעקט די האַנט און שאַרט זיך אָפּ
מיט שטילע טריט —
וואָס טאַנצט איר ניט?
אַ קינד האָט אויפגעוואַכט און פלוצים זיך צעוויינט —
אַ סאָווע צי אַ סאָלאָווײ האָט ערגעץ זיך צעטרערט —
עפּעס וואָס וועט קומען — מאָרגן צי נאָך היינט — —
ס'איז אייטעם פון אונז אַלע אַ נאָנטער טויט באַשערט.

עס קלאַפּט — פון אונטער פאָרהאַנגס זוים
דער האַלבער מאָרגן גרויט,
און איידער איך באַטראַכט נאָך: איז עס וואָר צי טרוים—
טראָגט אַקעגן מיר די אַלטע צימער-פרוי
מיין פוטער-ראָגל און די קאַווע מיט דער פעטער הויט,
און לויבט נאָך אַלץ דאָס שיינע וועטער און דעם קלאָרן הימל-בלוי—
פאַרשוווּנדן איז דער טויטן-פלעט —
די גייסטער זענען שוין פון לאַנג אין זייער רו אַוועק —
און אַן ערדיש-פשוטער, באַגאָלדטער זונען-פלעק
שפּילט זיך אויף דעם קאָפּ-שטיק פון מייןליידיק-ווייסן בעט.

מ ל ח מ ה

אַרויסמאַרש

דערלאַנגט די קוילן און די שווערד,
איר נעמט אייך פאַר די לאַנצן —
גאַלאָפ אַרויף אויף פלינקע פערד,
און נישט באַרירט די הייסע ערד —
שוועבט זי דורך איינגאַנצן!

נאַך קאָן דער זון פון תהלים-בערד
באַצווינגען שלאָס און שאַנצן,
ווען זיינע ברידער איז פאַרווערט
צו אָטעמען אויף פרייער ערד,
צו בויען און צו פלאַנצן.

נישט געוואַרט און נישט געקלערט —
דער זיג וועט אונז באַקראַנצן!
און קומט צו פאַלן אויף פרעמדער ערד—
איז גרויס דער טויט, צו זיין פאַרצערט
אין שונאס זון-פאַרגלאַנצן.

דער צוג איז שפייז- און קויל-גענערט,
דעם רעשט — וועט מוט דערגאַנצן,
האַבט אַכט, איר יונגען, פולווער יערט!
שפילט אויף דעם מאַרש פון ביקס און שווערד —
דער שונא הונט וועט טאַנצן!

אין אָקאָפּ

אין נאַסן גרוב, די ביקס אין האַנט, איעדער אויף זיין פּלאַץ.
דעו' שונא איז כיטרע ווי דער פוקס און לויערט ווי אַ קאַץ.
פירט קאָרפּראַל צוויי מאַן אויף לינקס, דער „פירער" — דריי
אויף רעכטס,
איינער שטייט אַלס אַ „וועדעט" צווישן שטעכיק דראָט-געפלעכטס.
איז אַלץ געגרייט די מאַמע ערד צו ווערן און באַשיצן —
איצט מעג דער שונא קומען: קוים דונערט — וועט מען בליצן!

אויפן בויך געקראָכן דורך „לויף-גענג" און דורך היילן
ברענגען אַלטע לאַנדשטורם-מענער גולאַזש צום פאַרטיילן:
—הער לייטנאַנט, נאָך אַ פּאָרציע–מיין מאָגן האָט שוינלעכער—
— פאַרוווּנדעט פּראַנצל?
— נו יאָ, פון אונזער קעכער:
אַ טראָפּן וואַסער-פאַבריקאַ, דערצו אַ זשמעניע ביינער
האַרט נאָר ווי אַ רוסן-קאָפּ — און קיי מיט קאַליע ציינער!
— גענוג שוין, זידלט דער פעלדפעבל, יעדער האָט זיין חלק.
— אַט ליגט שוין סטעפּאַן אָן אַ קאָפּ — פאַרשענקט ער מיר
זיין ביילאָק.

ווערט פעלדפעבל ווייכלעכער, דערלאַנגט–און אַלע לאַכן
—דערפאַר, הער לייטענאַנט, וועל איך היינט אַן „איינגעהאַקטס"
פון רוסן מאַכן!

דער שיצן-גרוב האָט אויפגעלעבט—דאָס פעלד איז פריי און שטום.
און מיטאַמאָל: עס קרעכצט די לופט — עס ציטערט אויף די
ערד אַרום —
„מאַרש-מאַרש" זיך יאָגן אויף אַטאַק קאָזאַקן צוויי שוואַדראָנען!
— קינדער, פאַר יעדן רוסן-קאָפּ — אַ פינפער זילבער-קראָנען!

די יינגלעך כאַפּן דאָס געווער, דעם ביסן נאָך אין מויל —
אַ קויל נאָך קויל, אַ קויל נאָך קויל —
צוויי סאַוולען — ווי קאַנאָנען!
—איר בראַווע יונגען, גאָט מיט אייך—ווער האָט אַזויפיל קראָנען?!

אויף וואַך

עס שלאָפט דער פיינט און פריינט אויף אָפּגעצוימטער ערד —
די נאַכט האָט אַלץ פאַרזשאַווערט אין אויסגעמישטן קויט.
אויף וועמען פון אונז אַלע לויערט שטילער טויט?
ווער קומען ער דורך בלינדער קויל צי דורך אויפגעבליצטער
שווערד?

שלעף איין דעם מח — ביסטו אַ מאַן —
און פון געפילן לאַך,
שטרענג אָן דיין אויג, דיין אויער שפּאַן —
איצט הייסט עס: שטיין אויף וואַך.

פאַרגנבעט זיך אַ שאָטן ווו
צי ערגעץ רוישט אַ צווייג —
דאָס אויער און אויג פאַר טויזנטער ביסטו,
פאַר טויזנטער אויך שווייג.

נאָר קומט דיר אונטער שונאס זון —
ביים האלז אים פּאַק געניט
און איידער ר׳האָט אַ פּיפּס געטון —
מאַך אים קאַלט, און ווייטער היט.

אין אַ באַזיגטער שטאָט

העלם באַקראַנצט, געווער געפלאַנצט,
קאַנאָן און וועגענער באַלאָד,
צעשפּרייט די פאָנען הויך און ברייט —
אַריינמאַרשירט אין שונאס שטאָט!

די מוזיק שפּילט ביי גלאָק-געקלאַנג
עס גייען מאַן ביי מאַן —
דאָס שענסטע זעלנער-ליד זיך טראָגט
אין טאַקט פון שפּאָרן-שפּאַן.

מיין פערד דערשנאַפּט דעם ריטם-טראָפּ
פון דעם ראַדעצקי-מאַרש,
צעלאָזט עס זיך אין שטאָלצן טאַנץ:
היי-הירזשע-האָפּ! זאָל לעבן פראַנץ
אין זיגער-קראַנץ!
היי-הירזשע-האָפּ!

טויער-פּראַל און לאָדן-קלעפּ —
מיר ברענגען פרייד און שרעק —
פילן זיך פולער די קעלערס נאָך אָן,
דורך שפּאַרעס פאַרגנבעט באַווייזן זיך קעפּ
מיט אויגן צעהיצטע, געפלאָכטענע צעפּ,

ווירבלען די פויקן און פלאַטערט די פאָן
אין רעגן-בויגן-געפאַרב.

וועד געפאַלן, ווער פאַרשווינט —
עס לוינט, עס לוינט דער בייזער קריג
ווען ביסט פון זיגער-פרייד געקרוינט
און געבענטשט פון מיידלס בליק!

און ביי דער נאַכט אויף דער קוואַרטיר —
דו חלומסט אַזוי זיס:
די שענסטע ווייסטו אויס פאַר דיר,
דו קניסט ביי אירע פיס —
און זי, אַ גליק-צעשמייכלטע
שענקט דיר יונגע מיידל-פראַכט
אויף אַ גאַנצער נאַכט.

ווי אַ שטאַל און ווי אַ הויז
ווימלען זעלנער פרייד-צערויבט:
ווער ביי שענק און ווער ביי בעט —
דער זאַקרויב צאָלט זיך אויס.

אַ לופֿט־באַלאָן

ס'האָט אויפֿגעטויכט אין הויכן דער וואָך־געשפּאַנטער לופֿט־באַלאָן —
דאָס געלע אויג פֿון שלאַכטן־האַר, צעגלאָצט אַרום זיין ביינער־טראָן.

אויס טויזנט מיילער גיסט אַ קללה בליי־צעשאָט און פֿיבער־פּלאַם,
רייסט אויס די האָפֿנונג אויף דערלייזונג פֿון מענטשנס האַרץ
און וועלדערס שטאַם —

און פּלוצים ווערט דער לופֿט־באַלאָן אין העלן פֿייער אויפֿגעפֿלאַמט
ווי צאָרן אינעם הערשערס אויג, ווי מענטשן־בלוט אויף ווייסן זאַמד.

האָט זיך צעפֿלאַמט אין אים דער כּעס, ווען ר'האָט דעם
שונאס קראַפֿט געשאַצט,
צי האָט אין אים ביי ברידערס פּיין אַ מענטשן־האַרץ געפּלאַצט?

דער מאָרגן ציילט דעם שניט פֿון נאַכט, וואַגט קיינער נישט אַ
בליק צו טון —
נאָר איינמאָל, קורץ האָט אויפֿגעלאַכט מכשפֿה־שלאַכטס אַ דולער זון.

קריגס־בייסאַזש

פעלדער זיך ציען אין נעפּל פאַרזונקען,
בראַנדיקער פולווער דעם אָטעם פאַרצערט,
עס גלאָצן די הימלען פון רויכן באַטרונקען
און וווּנדיק פון קברים זיך קאָרטשעט די ערד.

אין מוח — אַ מיל־ראָד באַפאַלן פון וואַסער
רוישט עס אָן אויפהער צעברויזיקט און ווילד —
אַזוי ווי די רעדערס צעכאָרכלט געקלאַפּער
וויל די נשמה גישט ווערן געשטילט.

כ'האָב היינט דעם טויט געזען אין ביינערדיק געוואַנט —
געגאַנגען צווישן אונז מיט בלאַנקער קאסע אין דער האַנט —
האָט ער זיך איצט פאַרקליבן אין ציין־געשאַרף פון ראָד?
אָ גאָט, באַשענק אונז מיט דיין גנאָד.

עס פייפט אַ צוג — די רעלסן קרעכצן אונטער מאַן און משא,
אַ חיל ווערט אַוועק געשליידערט פון אַ ווייטן וואַנדער —
און שוין איז גרייט אַ פאַנצער־שיף אין פלאַטערדיקן רויך און שטאַנדאַר
צוועקצוטראָגן פונם ברעג דעם אויסגעמיש פון פאָלק און ראַסע.

אין לופטן זשומט אַן עראָפּלאַן — אַט גריילצט זיין
שווערע פייל —

אַ באָמבן- און שראַפּנעל-געקראַך — אַ בליצן און
אַ פלאַמען-זייל — —

דער עראָפּלאַן און שיף און מאַן און משא — אַלץ ביינאַנדער
פאַרגייט אין רויך און אינם תהום-אויף ווייטן, ווייטן וואַנדער...

דערוואַרטונג

אַ גרויע איז די נאַכט געקומען
פונם ווייטן וועג,
אין שאָטנדיקן שויס גענומען
וואַלד און פעלד — און אונזער אויסגעפרעג:
דאָרט אויף די ווייטע לאַנגען
וועלן טרעפן מיר דעם פיינט — —
קומען וועט ער — נאָר פון וואַנען?
גייען מאָרגן מיר פון דאַנען
צי נאָך היינט?

ווער קאָן וויסן, ווער קאָן זאָגן: מאָרגן צי שוין באַלד,
אויף די ווייטע פעלדער צי אין טיפן וואַלד
וועט זיין באַשערט צו שטאַרבן?

יעדער „ווען" און „וואָס" און „ווי" —
אַ שראַפּנעל אין טעמפּן שאַרבן —
קומט און שווינדט אָן צוועק און ברירה — —
און דער מח, בהמה'וואַטע,
איז אַלץ מעכאַניש מעלה-גרה
דעמזעלבן איבערטראַכט.

אַזוי אין האַרץ-געפּלאַטער
אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט.
פון שאָטנס טראַכט-צוזעפן
דער פוילער מאָרגן קריכט — —
אפשר וועט עס דיך נישט טרעפן
אַזוי גיך?

געפאַלן איז אַ פריינט

געפאַלן איז מיין פריינט, ווען ר׳האָט געוועדט דעם „שטאַנד״,
פאַרשטאַרט איז אים געבליבן אַביסל ערד אין האַנד —
און זיכער אויך אַ קללה אין פאַרשטיקטער קעל.

טויזנטער געפאַלענע מיט איינעם נאָר פאַרמערט —
און דאָך האָב איך זיך איצט פאַרשעמט אין טיפקייט פון מיין זעל
נאָר אונזער שעפסן-וויליקייט און פאַר באַפלעקטער ערד.

נאָך דער שלאַכט

גענוג פאַר היינט: אין טונקלקייט פאַרבראַוזט און וויסט
אויס די שלאַכט
דאָס לעצטע ביקס-געראַנגל און קאַנאָנס דועל-געוווינק —
נאָר איבער וועלדערס קרוינען-דאַך פלאַמט נאָך ברייט
אַ פייער-צונג
און סביבה אָטעמט נאָך מיט ריח פון מענטשלעך בלוטן
אין דער נאַכט.

אַ האַרץ, וואָס האָט נאָך נישט פאַר-ענדיקט, פלאַטערט שטיל
ביי טייכלס ברעג,
פלאַטערט — און פאַרגייט,
שטייט צוקאָפנס אים אַ ווערבע — די איינציקע אין טרויער-געבעט.

איילן קאַמעראַדן זיך, גראָבן אויס אַ נאַסן גרוב
שטעקן איין פון האָלץ אַ צלם און דעקן צו מיט ווילדן קריפּ.

נעמט צו, איר גוטע קאַמעראַדן, נוצרים היילקע קריסטן-האָלץ —
אויב קריסטן-ליבע איז אים באַשערט:
לאָזט אים ליבערש אומבאַקאַנט אין פרעמדער, ווייטער ערד
איידער לאָזן פאַר די דורות דעם קין-פלעק אויף
קריסטן-שטאָלץ — —

גענוג פאַר היינט: פאַר מידקייט האָט פאַרשטומט די שלאַכט —
זאָל שלאָפן גיין, ווער שלאָפן קאָן אין אַ טויטן-נאַכט.

נאָך מיין טויט

נישט שרעקט דער טויט און נישט פֿאַרגעסנקייט אין פֿעלד —
דער מאַמעס האַרץ פֿאַרלאָזט נישט אויך אין ווייטער וועלט,
און וועמענס מזל ס׳איז באַשערט —
דעם שיצט נישט שרעק און נישט קיין תּפֿילה, ווען אויך
פֿון מאַמעס אויג געטרערט — —
עס איז נאָר שווער צו וויסן, אַז אַ מענטשן־האַנט
וועט דיר אָנטון „לעצטן־כּבוד" נאָך זיין לעצטער שאַנד.

וואָלט ווער מיר זאָגן ווען, וואָלט עמיץ ווייזן ווו
עס וועט די קויל מיך וואַרפֿן צו מיין לעצטער רו —
איך וואָלט אַליין געגראָבן פֿיר איילן מענטשן־גליק,
אַרומגעצוימט מיין קבֿר מיט אַ הויכן פּלויט
און אויף אים אָנגעשריבן: „נעמט אַוועק דעם בליק" —
זאָל מיר קיין מענטש נישט טאָן קיין טובֿות נאָך מיין טויט.

פאַר צוויי איז דאָס געשען

עס איז פֿאַר צוויי געשען:
אַליין דעם שונאס האַרץ מיט אייזן-פֿלאַם געשפּייזט,
האָט דער זעלבער אייזן-שפּאָן אונז ביידע אויסדערלייזט.

דעם רויטן פֿלעק דערזען
האָט מיין קאַמעראַד אויסגעשטרעקט די האַנט
און נקמה אויסגעשווירן איבער שונאס לאַנד.

און איך האָב ווי אַ שולדיקער געזונקען טיף דעם קאָפּ:
ווער ווייסט צוויפֿל רויטע פֿלעקן איך אויף מיין געוויס?
פֿאַר צוויי איז דאָס געשען.

עס גרייט זיך אַ שלאַכט

ווידער מיט זעבל און בליי אונז געבראַכט
די אוצרות צו היטן,
ווידער צעשלאָגט זיך אין פעלזיקן הויל
דאָס ברילן פון האָרן-געביטן —
עס גרייט זיך אַ שלאַכט.

אָטעם-פאַרהאַלטן די גרויס איך באַטראַכט
פון פעלזיקער וואַנט —
און שטייפער נאָך פרעסט זיך דער זעבל אין האַנט
אַקעגן דער אייגענער מאַכט.

היט אייך, אין בלינדן שגעון צעלאַכט,
דער קרבן פון אייגענעם שפּילצייג צו ווערן —
קאָן נאָ הײנט צילן דער זעבל זיין שאַרף אין קאָפּ פונם אייגענעם הערשער
אין פלאַמען פאַרצערן
ייגענע פראַכט!

עבל און בליי אונז געבראַכט
היטן — —
אומרו פון זעלנער-געבליטן

ווער קאָן באַנעמען

קאָן ווער איצט דעם וואַסערפאַל פון אונזער שטראָם באַנעמען?
האָט ווער צייט אין אונזער צייט-געוועב
דעם וויסטן פליאַנטער צו צעקעמען
אויף האָר-צעדינטן איבערלעב?

סיידן דער סאָלדאַט אין אויסגעהויכטער רו —
סיידן אַלטע ווייבער אין הונגעריקן ערגיץ-ווו — —

שפּאַצירן נאָך די מיידלעך אויף שטעטלדיקן טראָטואַר?
רוישט נאָך ווי אַ פעלד אין זאַנגען, וואַרטנדיק אויף שניט?
וואָס מאַכט מיין אַלטע מאַמע אין קלאָגענדיקן צער?

אַז שטאָט און פעלד איז אויסגעהאַמערט מיט סאָלדאַטן-טריט,
אַז — אין גלות די נשמה — אַ מענטשלעך-אויסגעטון געשלעכט
יעדע גרענעץ מענטשלעכקייט פאַרשוועכט —
וואָס באַטייט דער מענטשלעכער באַנעם?

איך טוליע זיך נאָר טיפער אין שטייפן מאַנטלס קאַלטן קלעם
און פאַרבאָרג אין ווערעמדיקן קאָלנער די סכנות
פון מויל-באַוועג און שיפן בליק פון אויגן-לעכער —
היינט איז דאָך דער אַ פחדן אָדער אַ פאַרברעכער,
וועמענס ליפּ עס לאָזט נאָך פאַלן
דאָס שווערע וואָרט ר׳חמנות.

וואַלד-קאַלושע

פון זומער-האַרבסט די צייט
רויזיק-גרינס אויף געלס זיך בייט
טאָג-און-נאַכט אין שאָטנדיקן שוואַרץ-און-ווייס
זיך צאַנקען איבער צייט-צערייס, —
אַ נאַקעט מיידל אויף אַ בוים
צעבאָמבלט ווי אַ דולער טרוים,
און, אויסגעהונגערט, רייסט אַ קראָ
די פלאַקסן פון איר ברוין-און-בלאָ.

צופוסנס פון דעם עלנטס וואָג
רויטלט זיך די וואַלד-קאַלושע
אין לעצטע שטראַלנס בייזן אויג
און מאַכט נאָך שוואַרצער וויט אַרום דאָס פנים פון
פאַרשעמטן טאָג
אין גוסטדיקן וויי-פאַרנויג.

ס'בליצט. אַ דונער האָט שראַפנעלן אויסגעשיט,
און איך — אַ פחדן אין מיין שרעק,
פאַל-צו און קוש מיט בלאַסן פנים דער קאַלושעס דעק —
צו שיצן מיינע איינגעווייד
אין ווערעם-קויט און מענטשלעך בלוט.

פאַרצווייפלונג

שוין באַלד אַ יאָר אין שיצן-גרוב און מיסטיקע באַראַקן,
איז נאָר אַ ווונדער וואָס — פאַרשווינט פון שווערד און קויל —
נישט האָבן נאָך די ווערים דורכגעגריזשעט האַלז און נאַקן.
און וואָכן-לאַנג שוין ציען פרישע פאָלקן אין דעם גרויל —
איז עס נישט אַ גאָט-נסיון ווידער זיך צו וואַגן?

ווער צווינגט צו גיין אין הערשערס יאָך און בלינד אַזוי
געהאָרכן?
און וועמענס קול זאָל זיך דערהויבן אַ קללה אויסצושרייען
ווען טויטע שווייגן אויסגעזייעט אויף ווינטן און אויף פאָרכן
און אַהיימגעקערטע קריפּלס פאַרגעסן וווּנד און ווייען — —

איז וואָס צו טאָן? און ווער וועט עצה האַלטן?
ליגסט דאָ צווישן אָפּגעטעמפּטע מאָרד-געשטאַלטן,
גרויס געגוג אויף אויסצוקינסטלען פרעציזקייט אינם פלאַם
און בליי,
און קליין אַזוי און נישטיק אויף וועלט-דערציטערט אויסגעשריי—
אַז טויזנטער פאַרשטייען דאָס ווערק פון זיכערן פאַר-עק
און קיינער נישט די טרייסט,
אַז בלינדע מאַכט באַהערשט דיך פון פאַרעטעריש פאַרשטעק —
וואָס קאָן דאָ העלפן גייסט?

מענטשליש וועט שוין ווייטער צירקלען קריגס צעווירבלטער
פלאַנעט:

אַ פאָלק נאָך פאָלק אויף זעט און שפּיי פון קאַנאָן און
באַיאָנעט,
אויף ווונדן-פיבער, נאַכט-שגעון, אויף נערוון-רייסנדיקע
שעהן —
און נישט דערוואַרטן זיך דעם טאָג פון אויסדערלייזטן שלום.

אַט שמייכלט אַ פאַרווונדעטער אין לעצטן גסיסה-חלום —
נאָך אַן אויסגעבלוטיקטער, פאַרצווייפלטער פאַרביינער...
איר אַלע, וואָס אין שטאָט-פאַרשטעק יובלט איר נאָר „זיג",
קומט אַהער און אָטעמט מיט די שלאַכטנס טויטן-שרעק —
שטאַרבן וועט אין אייך דער בליק
ווי זיינער!

דערגיי, מיין נאָנטסטער, ווי אַ הונט:
נישט זיי, נישט אַמאָל דער קראַנקן-צוג מיט רויטן צלם-פלעק
וועט וואַגן זיך אַהער צו לינדערן דיין ווונד.

איז וואָס צו מעדיטירן?
מיר וועלן גיין, ווען ס'איז באַפוילן, און שטאַרבן אונטער
שווערד און קוילן —
און ביים קרעפּירן
וועלן מיר אין שווייגעניש זיך איבערשטייגן
ווען ראַט און מענטשן שווייגן.

דאָס ליד פֿון זעלנער-קנעכט

ווער זאָגט, אַז מוט איז אונזער שטאָלץ—אַז גרויס איז קרבנס טאַט?
יאָרן-לאַנג מיט שקלאַפֿן-האַנט
באַשיצט און אויסגעבויט די תּפֿיסה-וואַנט
אויף אייגענעם פֿאַראַט —
איצט בויגט זיך קאָפּ און האַלז-און-נאַקן — ווייל זיך רייסן
פֿון דער קעל:
יאָך-פֿאַרליבט און קנעכטיש איז די מענטשן-זעל!

ווער האָט איינגעוואָרצלט די שרעק אין אונזער טראַכט
צו פֿאַרשעלטן הערשערס מאַכט —
און איבער מיליאָנען קעפּ אַקעגנטראָגן נאָך די פֿאָן אים,
נישט צינדנדיק קיין בושה אין פּנים?

ווילן-שוואַך טראָגט אַלץ דער מענטש צום שייטערהויפֿן
זיין געביין,
אָן אַן אָפּקלאַנג שרייט אַרויס פֿון גאַס און קברים מענטשנס פּיין
טויזנטפֿאַך געטרערט און טויזנטפֿאַך אין ווייי צעגליט — —
עס קאָן זיי בלויז אַ יזכּור זיין דעם זעלנער-קנעכטס
פֿאַרביטערט ליד.

מאַסן-גרוב

מאַשינען-ביקסן גראַגערן, שראַפּנעל-ראַקעטן
הענגען אויס אויף הימלען ווייס-און-ראָזעווע בוקעטן —
ווידער האָט דער שלאַכט-געטומל אויפגעשפּילט זיין ווײ-געשריי
פון ווונד און משוגעת, פון „זיג" און פון „פאַרביי",
גיהנום האָט אין טייוול-טאַנץ צעווילדעוועט די ייִנגסטע זין
ביז אָטעם-האַסט און זין-פאַרגיין —
חורבן-וויסט ליגט שטיין און מענטש אין גוססדיק פאַרבלין — —
קליין און ענג ווערט אונז די ערד—ווי פאַר לויות קבצנס שטוב,
טיפט זיך, הויפט זיך און פאַרשטיקט די לופט
דער ברידערלעכער מאַסן-גרוב.

צוויי, צי פיר-און-צוואַנציק ליגן ערשט אַריינגעפּרעסט,
און ווייל נישט קיינער ציילט און קיינער מעסט
קאָן אַריינגעטאָפּטשעט ווערן נאָך אַ פיר-און-צוואַנציק שטיק!

און מיט וואָס איז ערגער זייער מזל פון אונזער הינטיש גליק?
אויך מיר פון לאַנג שוין ליגן נישט באַזונדערע צו צוויי
אין חופה-וקידושין-בעטן צי אין קופּלעריי —
און קריכן איינער צו דעם צווייטן ווי אַ הונט, וואָס
האָט קיין צויג,
איז אין מאַסן-גרוב באַהיטער און זיכערער פאַר
וועכטערס אויג — —

שרעקט זיך נישט, ווען מענטשן-קנאָכנס צי אַ מאָרדע פון אַ פערד
גאַקיוועז ביין אַרויס פון אָנגעשטאָפּטער ערד:
די ערד איז נאָך געדולדיק און גיט נאָר זעלטן ווען צוריק,
און אַן אָרעם צי אַ פוס איז דאָך נישט קיין מוראדיק
גראַנאַטן-שטיק.

גאַ־לאָזט קיין קאָפּ זיך נישט דערהויבן — דער שונא
ווייסט קיין שפּאַס:
באַהאַלטסטו זיך — איז וויל צו דיר, דערהויבן זיך —
הייסט פרעכער מוט, —
און ווען אויך נאָר אַ טויטן-קאָפּ — דעם שונאס אויפגעפלאַמטער האַס
וועט נאָכאַמאָל פאַרטרינקען אים אין בלוט!
אַזוי איז מולכס הויפּט-געזעץ און עטיק פון גיהנם.

ווידער שפּילן שלאַכט-טייוואָלים אויף גראַנאַטן און שראַפּנעלן——
צעטאַנצט זיך דעם גיהנם-טאַנץ צו הונדערטער אינאיינעם!
קיינעם, קיינעם
וועט עס נישט פאַרפעלן — —
טאָפּטשעט איין די פוילע קנאָכן, צעפוילטע שוין ביים לעבן —
און מיט דער שטומפּקייט פונם זעבל-קנאָפּ
האַקט אָפּ פון צלם דעם צביעותדיקן קריסטוס-קאָפּ,
וואָס איז דעם מאַסן-גרוב ווי אַ פוילער וויץ געגעבן.

חורבות

מיין שוועסטער חנה און מיינע
ברידער איזשע און מאיר —
מיט-קעמפער אין דער וועלט-בהלה

דער טויט האָט צעשאָטן זיין גיפטיקן זאָמען
דורך אייזן און פלאַם און מגפות-פאַרשפרייטן,
געדענקט נישט דער בכור זיינע עלטערנס נאָמען
בוקן זיך שטאָלצע און קנעכטישע קייטן
דער הייליקער פרעסט צו זיין האַרצן דעם טמאן
און ברידער מיט ברידער צעפייניקטע שטרייטן —
דער טויט האָט צעשאָטן זיין גיפטיקן זאמען.

ווערט די שטאָט אַ שטיינער-סטערניע, און דאָס פעלד אַ
לאַבירינט
ווו אין קראָטן-נעץ פאַר-עקן צעפייניקטע סאָלדאַטן-הינט —
שלעפט אַ פאָלק זקנים זיין עלנט איבער יאָמער-טאָל,
בלאָנדזשען לאָשעקעס יתומים הונגעריק און דול,
וויינט די לעצטע מוטער קו אין אייטער-איבערפול —
אַ פאָלק טרינקט ביזן לעצטן טראָפן די ביטערקייט פון
שקלאַפן-שאָל — —

און איבער אַלץ דער טויטן-פאַקל פון אויפגעפלאַמטן גוטס
ווי אַ ברענענדיקער דאָרן אונטער פאַלשן נביאס שוץ: —

„פעלקער צו דערלייזן — אַ לאַנד צו מאַכן פריי״ —
ווערן מיליאָנען פרייע געיאָגט אין שקלאַפעריי,
און ימים-ברייט און וועגן-לאַנג יובלט-צו אַ חרוב לאַנד
דעם שטאַמפּענדיקן פוס און בייטשנדיקער האנט — —

פאַרשעלט איך איצט מיין לייכטזין, וואָס אין בלינדע שעהן
האָט ער מיך פאַרפירט צו שווערן ביי אַ שוואַרצער פאָן.

וועט נאָך פאַלן דער שטראַל דערוואַכונג אויף די טויט-
פאַרבלענטע וויעס?
וועלן חורבות זיין דאָס פעלד-מיסט פאַר דערלייזנדיקע זריעות?

זאָל דער נס געשען: זאָל דער מ ע נ ט ש אַרויס דער זיגער —
בענטשן וועל איך יענע שעה, וואָס האָט אויך מיך געמאַכט
צום קריגער.

ביי אַ געפאַלענעם סאָלדאַט

אַ צענטער און אַ הונדערטסטער–דערגרייכט שוין באַלד מיליאָנען
די מאַסע מענטש, פאַרשלונגען און אויסגעשפּיגן פון קאַנאָנען–
נאָר טיפער איז דער צער און שרעקלעכער דער גרויל,
ווען אַ פאַרבלאָנדזשעט-בלינדע קויל
טרעפט אַן איינזאַם-אָפּגעשייטן.
דו זעסט ווי אויגן בעטנדיק זיך ווייסן
ווי עס כאָרכלט אויס אַ זעל אין גיפטיק ציין-פאַרבייסן
און נישטאָ קיין נאָנטער צום קבר אים באַגלייטן.

פאַרדעקט אים נישט דאָס פּנים–לאָזט אים פריי כאָטש שטאַרבן
און טרייבט נישט אָפּ די קראָען די אויגן אים צו נאַרבן –
זאָל זיך מעסטן זייער שנאָבל מיט די מענטשנס שאַרפן...

אַזוי וועט זיין מיט אייך–מיט מיר–מיט אַלע, וואָס זיך וואַרפן
אַזוי קנעכטיש ווילן-לאָם אינם שלאַכטן-פיבער –
וועט נאָך אַ „איינסער" פעלן אין די נאַסע שיצן-גריבער – –

פאַרשרייבן וועט מען אונזער נאָמען אויף אַ שפּאָן פון האָלץ:
„אַדאָ, אויף פעלד פון ערע... געפאַלן אונזער שטאָלץ"–
ביז אַ „דרייסיקער-און-האַלב" וועט אין קראַך און פלאַמען
אויך אונזער לעצטן זכר – דעם קבר און געביין צעפרעסן.

איינע נאָר וועט נישט פאַרגעסן:
האָט ווער פון אונז אַן אַלטע מאַמע —
באַקלאָגן וועט זי אונזער מזל מיט אויסגעוויינטע אויגן
און אונזער הייליק־שיין דערבליקן אין יעדן רעגן־בויגן.

צו דער מאַמען

ווייסטו, מאַמע, וואָס עס וואַרט אונז היינט אין מאָרגנס גראַ?
וועסטו קומען מיך צו טרייסטן אין דער לעצטער שעה?

דו האָסט דאָך מיך דעם גאַנצן וועג באַהיט דורך תּפילה
און געוויין:
טיף אַזוי אין בלוט — און דאָך צו בלייבן ריין,
אַזויפיל דורכצוואָגלען פון מענטשן-האַס ביז מענטשן-גליק
און דאָך נאָך ווערן טויטן-בלאַס ביי מענטשנס פאַל און
מענטשנס זיג — —

כמעט דערזעלבער ווי געווען.

נאָר דער ווייזער אויף מיין וועג איז נישט געשטעלט אויף
מאָרגן —
און היינט באַשיצט נישט גאָט צומאָל דעם קראָט אין
ערד פאַרבאָרגן — —
קאָן פּלוצים וואָס געשען —
און נישט דערקענען וועסטו מער דיין אייגן-קינד — —
און דער טאַטע, שוועסטער-ברידער וועלן זוכן מיין געביין
אין פּוסטן ווינט...

ווי מתימס געלע קנאָכנס פון אונטער שוואַרצן דעק
גלאָצט אַפיר דער מאָרגן פון דעם הימלס זוים —
אַבאַלד וועט זיך צעלאַכן דער זונס בורשטינען-פלעק, —
זאָל איך, מאַמע, אויכעט לאַכן פון נאַכטנס שווערן טרוים?

חלומות אין פעלד

הײנט ליגנדיק אין פעלד אין שניי־באַדעקטער הײל
מיט געלן פײער אינם בליק און שוואַרצן פיבער אין דער זעל
האָב איך געגלויבט מײן מאַמעס קול צו הערן —
עפילט איר ציטערדיקע האַנט אויף מײן צעגליטן שטערן.

מען זאָגט: ס׳איז קינדישער שגעון — —
ווער ווײסט — עס קאָן שוין זײן,
וואָס איז דען נישט אימשטאַנד די פּײן דורך לאַנגע,
שווערע שעהן...

אין חלום צי אויף וואָר האָט מיר זיך אויסגעדאַכט:
אויף קיל און אויסגעצוימט געביין האָט זיך די ערד פאַרברענט,
אויף איר געריטן אַ סקעלעט מיט פלאַמענדיקן קאָפּ און הענט —
דער מאָנסטרום פון דער שלאַכט.

מען זאָגט: דאָס קומט דער מאָרגן־רויט —
און אונזער מזל איז צו זײן אַ פונק אין מאָרגן־ווינט — —
איך האָב צומאַרגנס ווי אַ קינד צעוויינט זיך פאַר דעם
טויט — — —

געבעט פאַרן שטורם

זינד-באַוווסט מיין ברוסט זיך שפּרייט
אין שטויב אויף דיין באַראָט,
דו אומבאַקאַנטער, נישט-געגאַנטער גאָט.

ווען איך דערמאָן דעם וועג פון מיינע וואַנדל-טעג
ווערט חרטה-פול מיין זעל
און איך זינק דעם קאָפּ, דערוואַרטנדיק דיין גנאָד,
מיין גאָט.

נאָר דו, מיין נישט-געגאַנטער,
דו ווייסט, אַז סיי מיין אָנגריף, סיי מיין וואַך —
האָט מען געזאָגט
איז פאַר מיין ברודערס שמאַך,
און יעדע חורבה, יעדעס מענטשלעכע געביין —
האָט מען געזאָגט
איז פאַר דער שוועסטערס נויט-געוויין.

און ווען אַצינד אין גרויזאַמקייט צעטראָגן ווערט מיין
שווערד די פּיין —

דו ווייסט אַליין, מיין אומבאַקאַנטער,
אַז אויפגעצווונגען האָט עס מיר מיין האַרס באַפעל.

און טרעפט — דיין ווילן איז געבאָט
מיין גאָט, מיין גאָט
אַז אויג אויף אויג באַגעגנט זיך מיין זעל
מיט שונאס האַס —
מאַך לינד מיין פויסט און רחמים-פול זיין האַרץ,
מיין גאָט.

זינד-באַוווּסט זיך שפּרייט מיין ברוסט אין שטויב —
מיין אויג איז בלינד, מיין אויער איז טויב
איך גלויב, איך גלויב,
אַ גאָט!
נאָר דו, מיין רו, ביזט ווערט דעם לויב
און מיט מיין טיפקייט גרויס ביסטו,
און וואָס געבויט עס האָט מיין האַרץ
און וואָס געטראַכט עס האָט מיין זעל —
איז נישט, איז נישט,
אַ גאָט!
אַ דו!

אַ ט י ק ע

שטום דער וואַלד זוי טויטן-שרעק און גרוי ווי מרה-שחורה —
דאָרט זיצט דער פיינט און וואַרט.
פאַר לויטער צייט-זיך-שלעפן ווערט פחד אינם האַרץ פאַרשפאַרט
און טאָפּלט וואַקסט די מורא.

אַ גרינער פלעק — דער ליכט-ראַקעט: דער צייכן צום
באַגינען —
אויף און פאָרווערטס און אין שורות שיטער זיך צערינען!

אַרטילעריע האָט צעפויקט אַ טאָפּלזייטיקע טרעוואָגע,
האָט אָנגעשעפּט דער וואַלד אַ מויל מיט קראַכנדיקע גלידער
און שפּייט צוריק מיט בליי און פלאַם פון הינטער יעדן
שטאַם — —

יאָגט געיאָגט, געבוקט די קעפּ
נישטאָ קיין צייט פאַר אָטעם-שעפּ
און ווו סאָלדאַטן-פוס זיך שטעלט דאָרט שטאַרבן רויז
און דאָרן!

אַ קוילן-וויכער בייטשט און שמייסט מיט צוויקנדיקע רוטער —
מיין גאָט! ווען נאָר דעם וואַלד דערגיין, צום וואַלד, גע-
טרייע מוטער!

אַ סאַלווע בליצט פון שונאס אויג —„צום שטורם” ברילט
דער האַרן —

היט אייך, היט אייך — מינעס מייד —
מאַשינען-ביקס די רייען שניידט —
איך טרעט אויף טויטע ברידער — —
שלעפּט אַוועק דעם דולן פּאַק מיט צאַפּלדיקע פלייש —
באַגראָבט אים האַלב אַ טויטן
אַבי נישט הערן מענטשס געוויי און מענטשן-לייב נישט
זען זיך רויטן
„הו—ראַ!!״ — עס ברויזט דער טויטן-טאַנץ ביי האַנט-גראַ-
נאַטנס פייפן —
פאַל צו און מעסט דיין אויגן-בליץ מיט באַיאָנעטס געשלייפן!— — —

עס איז געשען:
דערלייזטע רו האָט מיך אין טייוול-שפּיל דערגרייכט.
אַן אַקער-פערד, זיין לעבן-לאַנג מיט פעלדערס זעט די מיל
באַרייכט,
שלעפּט אַצינד — אַליין אַ הינקענדיקער, — מיין קלומפּן
פון צעפּלעטן פוס,
און אַ גלח — אויך אַ שטאַמלענדיקער — בעט גאָט פאַר
מיין נשמה.

לאָז צורו, באַגאָטיש פאָפּל: אַ טויבער איז היינט גאָט.
וואָלסטו קאָנען — שטאָט אַ תּפילה — שיקן אים צום גרויס
אונזער צוויי-אונפערציקער-געשפּאָט
פון זיין „קעניגרייך אויף ערד״ —
אפשר וואָלט נאָך אין פאַרשטעק דערציטערן דער אַלטער קראָט,
אפשר וואָלט ער נאָך דערהערט
דיין גאָט.

אין לאַזאַרעט

פון שטרוי און צודעק אָטעמט פיבער און עקלקייט פון וואַנצן,
שאָטנס פון געפאַלענע אין מח זיך צעטאַנצן —
אַלץ האָט, דאַכט זיך, אויסגעוואַנדערט אויף יענער זייט פון זיין
און איך נאָר איינער בין געבליבן אויף אויסגעהוילטער ערד —
באַלד וועט אַלץ אַ ציטער טאָן, צוזאַמענברעכן און פאַרגיין,
און טרעפן וועט עס מיך נאָר, מיך אַליין —
פון קיינעם נישט געזען, פון קיינעם נישט דערהערט — —
איך — דער צענטער פון דער וועלט — אַליין אין וויסטן לאַזאַרעט.

פאַרוואָס אַזוי פאַרוואָגלט — פון מאַמעס היים פאַריאָגט?
זי וואָלט דאָך ביי מיין קראַנקן-בעט געגעכטיגט און געטאָגט
און מיר די ווייען און די שרעק פון שטערן אויסגעגלעט.

אַ בריוו איר שרייבן זיך געקליבן — —
וואָלט בלייבן אויסגעקריצט אין יעדער שורה
דער גרוס פון האַס-דערפולטער זעלנער-צורה —
איז אפשר בעסער נישט געשריבן...

מיט ריחות פון אַ שלאַכט-הויז איז פול דער לאַזאַרעט,
דער רוים, מיר דאַכט, פאַרגייט זיך אין בלוטיקן געלעכטער —
נו אייל נישט, קראַנקן-וועכטער,
וואַרט נאָך איין מינוט — — באַלד ווערט שוין פריי אַ בעט — —

מייז חבר — דער מיטמענטש

נאַרן־טאַנץ

אָנגעטאָן דאָס נאַרן־קלייד —
שפּאַצירט אַריין:
פון היפּט און זוילן טריפט דער ווײַן —
מיט פולע בעכערס שעפּט די פרייד.
הערט טראָמפּייטן און די פּויקן — הערט ווי פידלען אייך פאַרבעטן:

קומט אַריין אין העק־געקלימפּער,
ווער דערהויבן, ווער געטרעטן —
אימפּעט אין דער זויל און ווימפּער!
רעוועז באַסן אַ געיאָמער,
סאַקסאָפאָן און דזשעז־קלאַרנעטן פייפלען אויס די פרייד אין קומער —
אימפּעט, אימפּעט אין געקלימפּער!

טאַנץ אַריין אויף פינגער־שפּיצן גלייך אין מיטן קאָך פון הויפן —
האָפּליאַ — איינס־צוויי, האָפּליאַ — איינס־צוויי — שווייס און אימפּעט צו פאַרקויפן!

און ביסטו אין די רעדער־שפּרייזן — יאָג זיך, פלעכט זיך אין די קרייזן
ווי אַ שטורעמדיקער בליץ אין אַ בלינדער נאַכט:

אַ שריט פֿאַרפֿעלט — איז צייט פֿאַרשפּעט,
איז ווי אַ לעבן־לאַנג געבעט דורך אַ רגע זינד פֿאַרשוואַכט —
באַטויב זיך אין דעם הוליע־טאַנץ
און שליס דעם פֿאָרשנדיקן בליק,
ווייל הימל־העכער איז שגעון פֿון אויסבראַקירטן מענטשן־גליק
און פֿאַרביקער פֿון קלאָרן אויג איז אָפּגעגאַרטער גלאַנץ —
פֿאַרשליס דעם זין, פֿאַרמאַך דאָס אויג — און טאַנץ!

קוים שעפּסטו ניכטערקייט אין ווייַן — וועסטו אַליין דער קרבן זיין:
דו ווערסט דערזען, אַז חבר האָט מיט גיפֿט געגרייט פֿאַר דיר דעם טיש,
אַז צום שפּאַס פֿון נאָנטסטן פֿריינט פֿאַרשענקט זיך אים דיין אייגן ווייב
און אַז דו קושסט אין דיין בן יחיד אַ פֿרעמדן בלוט־געמיש——
דו גראַבלסט דעמאָלט דיין נשמה ווי דער אַקער זיינע בייטן
און פֿאַרזייעסט האַרבע שנאה אין דיין אייגן לייב.

דאָס לעבן איז אַ בראַנדיק פֿערד, געטריבן פֿון צעשפּילטער בייטש—
אין בלינדן שפּיל איז צייט־פֿאַרפֿול און נישט קיין קלאָרע טייטש—
זאָל זיין פֿאַרשכורט און פֿאַרגעסן אין דעם צייט־פֿאַרטרייב!

טאַנץ אַריין דעם קאָפּ דערהויבן, זויל־געשוואָלן, בלינד־באַווימפּערט
ביז עס לעשט דעם אָטעמס פֿונק —
זע, עס טאַנצט אין העק־געקלימפּער
די גאַנצע קלוגע נאַרן־עדה — אַלט און יונג!
אַ פֿאָן אין ווינט איז דאָס געוויסן,
און האָסטו איינמאָל זי צעריסן —
ווערט ערדן־שטויב דער מן דיר זיין, און מענטשן־שווייס—
פֿאַרגעסן־וויין — —
ס'האָט אויסגעקראַכט די פֿויק איר ווירבלענדיקן שאַל —
פֿאַר וועמען איז עס שטרייט, פֿאַר וועמען נאָר אַ באַל.

דער גאַנג מיט דער געליבטער

אין אַ שפּעטן אָוונט
זענען מיר בײַנאַנד געגאַנגען צווישן דרימלענדיקע זאַנגען —
אין שפּעטן אָוונט

און מענטשן אין דער נאָנט —
האָט זייער הינט מיט אַ געלעכטער אָנגערייצט אויף אונדז
דער וועכטער
פון די מענטשן אין דער נאָנט

צווישן בייזע הינט —
ווי פאַרשעמטע זינדער, אויסגעלאַכט פון מענטשן-קינדער
זענען מיר געגאַנגען צווישן בייזע הינט.

מ ע נ ט ש

באַגאַטיש איז מיין פריינט און אַ פּראַקטישער פּאַרשוין:
אַרומגעגרויזעט זיך, געשטעלט אַ שומר פאַרן ווין,
דעם בליק צו הימלען אָנגעריכט —
איצט וואָרט ער אויף זיין לוין:
פאַר יעדן וואָרט — די אייביקייט, פאַר יעדער פּרוטה —
אוצרות צינזן.

און ווען אין זיין געוויסן קאַפּטלעט נאָך דאָס שמירה-ליכט —
מאַכט ער פרום אַ ברכה און פאַרצערט די פרעמדע לינזן.

קומט אַ שכן — „אַ גאָט העלף״ — בלייבט מען אויף דער שוועל:
— מיינער איז דער קוועל
— און מיינע פיש און נעץ —
ווי שלאַנגען-גיפט פון ביידנס מיילער סיטשעט דאָס געזעץ.

שלייכט אַ מויד פון הינטער-טירל:
— נאָט אַ רויטע קרעל —
— מיין בייטל און מיין חופה-רינג!
— און איך מיט נאַכט-געלעגער בענטש!
ווינקט די מויד פאַרפירעריש:
— צעטיילט אייך ביידע מיט דער פעל — —

מענטש.

ג ע ז ע צ ל ע ך

ער — אַ פֿאַרהייראַטער מאַן, זי — נאָך אַ מענטשן פֿאַרבענקט,
מען האָט זיך באַקענט
און אין גליק און אין פֿריידן זיך ליבע פֿאַרשענקט.

ביז מוטערשאַפֿט האָט זיך געבענטשט אין איר לייב —
און געבראַכט צו אַן ענד:
זי ליגט איצט ביים טויער פֿון פּינדל-הויז, ער — ביים
געזעצלעכן ווייב.

האָט געזעלשאַפֿט געשאָקלט דעם קאָפּ און באַצייכנט געניי
מיט געוואַשענע הענט:
ער — „דער געטרייער מאַן", זי — „די געפֿאַלענע פֿרוי".

שניי-קוקלע

געמאכט פון שניי אַ „מענטש" מיט פיס און הענט און קאָפּ
און פון דעמזעלבן שניי געפּאָרמט אַ רונדע קויל,
שלײַדערט חברה גלײַך אין שנייען-קוקלעס מויל —
קייקלט זיך דער קאָפּ אַראָפּ.

שפּילן יונגען שנייען-באַל
און פוקס, דער קלוגער הונט, דרייט צופרידן מיטן עק
און לויערט מיט אויפגעשטעלטן פּיסק אויף יעדן קוילן-פאַל —
טרייבן חברה אים אַוועק.

נישט נעם פאַר אומגוט פוקסל פריינט:
מיר אַלע זענען שנייען-קוקלעס, געוואָרפן ווי דער שנייען-באַל,
און גלייך ווי דו אויך לויערן מיר ביז אַ בראָקן אָפּפאַל
וועט זאַטן אונזער גיר — —
און פונקט ווי דו נישט ווייסן מיר אין אונזער הינטישן פאַרשטאַנד
ווען צו יאָגן זיך, ווען צו וואַרטן מיט אויסגעשטרעקטער האַנד
און ווען מען וועט אונז — אָפּגעשמיסן — פאַרטרייבן פון דער טיר.

הויזלעכקייט

נישט ווייל אַ פאַרשטויסענער פאַרברענג איך מיינע טעג
און נישט דערפאַר, ווייל אומפאַרשטאַנען איז מיין לעבנס-וועג
בין איך אַליין —
ניין.

איך וואַנדל דאָך באַשטענדיק אין טיפסטן מענטשן-שטראָם,
און טרעף איך אָן אַ חבר-אויג אין יענעם תהום
שמייכלט עס מיט ברודער-טרייסט:
קום און טרינק מיין וואָרט ווי ביי אַ סעודה טרינקסט
דעם פריידן-ווין —
בין איך איינזאַם
נישט ווייל מענטשן-פרעמד איך בין אַליין.

נאָר ליג איך אויף דעם ווייסן ליילעך, צוגעגרייט פון
פרויען-האַנט —
אין שטיבל, דאַכט זיך, שוועבט די ברכה פרידלעכקייט פון
וואַנט צו וואַנט —
דעמאָלט פאַלט דאָס שווערע טראַכטן אויף מיין שוואַרץ געמיט,
דעמאָלט נעמט דער יאוש פייפן דאָס אָפגענאַרטע לעבנס-
ליד — —

דריי איך אויף דאָס גרויע פענסטער,
לאָז זיך איינזאַם און פאַרלאָזן אין דעם ברידערלעכן זיין —

ענטפער אויף גוט מאָרגן — מאָרגן, און מיט טרייסט אויף
טרייסט
זענען ברידער זאַט־צופרידן אין דעם נישט־פאַרשטיין,
און נאָר מיין אומעט דעמאָלט ווייסט
ווי איך בין איינזאַם, ווי אַליין.

„פּראָספּעריטי"

אין מיטן קאָך פון גרויסער שטאָט, אין פאַרבן-פולן זאָט
פון הוזשעריי
רוישט דאָס האַרץ פון דור הפלגה: דער בינעבשטאָק פון
קרעמעריי —
דער סחורה-דאָם.

נאַקעט און צעפּראַלט ווי די טראַכטן ביי אַ זונה
לאָקן סחורות מענטשלעך גלוסטן —
באַטאַפּן קויפערס די צעבלאָזענע ברוסטן
מיט אויגן, וואָס לאַשטשען, באַגערן, פאַרצערן —
גאָר פאַר זיך, נאָר פאַר זיך —
נאָך מער ווי דער בליק פון די ווייבער אויף מענער,
נאָך מער ווי די מענער אין גלוסטן צו ווייבער — —
ראָק און קלייד ווי לעבעדיקע נישט-באַלעבטע,
שיך און היטלען — פיס אָן קנאָכן, קעפּ אָן מאַרך —
הונדערט קליינע וויכטיקייטן און טויזנט קלוגע נאַרישקייטן,
פאַר וועלכע צאַנקעריי און רויב און מאָרד נישט סטייען —
ביי וועלכע מיליאָנען האָבן שוויס פאַרגאָסן
כדי אַ הונדערט ליידיקגייער זאָלן עס געניסן — —
און הינטער זיי פאַרקויפערינס ווי אַסטאַרטע-טעכטער
דינען מיט צעשמייכלטן, הכנעה'דיקן לויב,
דעם אָפּגאָט באַלעבאָס מיט גאָלד און זילבער צו פאַרגיסן.

ווערט אַזוי פֿון מאָרגן פֿרי ביז אָוונט שפּעט
אין גרויס-שטאָטס בלוט צעטראָגן
די צעקייט-פֿאַרדייטע פּראַצע פֿון משונהדיקן מאָגן
פֿאַבריק.

דאָ קאָן שוין נישט סירענען-פֿייף, נישט מאַשיניסטנס צוי-
בער-האַנט
שטילן מער די וועט פֿון רימען, ראָד און קאָלבן
צעזשומטע נאָך אין אימפּעט,
אַפֿילו ווען דאָס פֿאַרע-פֿערד שטייט שוין אויסגעשפּאַנט.

טויזנט-טויזנט שטייפֿע נאַקנס, שטאָל און מוסקלען, הענט
געשוואָלן
שטראָמען דורך באַוואַכטן טויער —
דורשט און טעמפּקייט אין די בליקן,
ווערן זיי פֿאַרשלונגען אין שטאָטס צעגעניצט אינגעווייד
ווער אין פּוילער פֿלוידעריי אויף פֿאַרקעלס דאַרער באַנק,
ווער נאָך זעט און קינאָ-דרימל אין ווייב און קינדערס
מידן בעט
און ווער אין וואָרט-צעהיצטן זאַל, ווו צוקונפֿט ווערט געשמיט.

אָטעמט איינגעשלאָפֿן קראַפֿט פֿון ברויזענדיקע מיליאָנען
ווי אָפּגעשטעלט-נאָך-פֿאַרגדיקע באַן-מאַשינען,
ליגט באַלאָדן זייער גוף — אַ לאַסט-צוג גלייך —
מיט שווערן עול פֿון קאַרגן בעטלער-לוין,
גרייט אַוועקצוטראָגן אוצרות מי
פֿאַר פֿרעמדע צילן...

און ווען נאָך שווערן טאָג וויִ מידע רינדער
ווער אין רו און ווער אין מאַטערניש פֿאַרברענגט די נאַכט —
לאָזן זיך אַראָפּ ווי שאָטנס אין גאָלד-און קוילן-שאַכט
אַלטע מענער און קוים געצייפּטע קינדער —

שיפּט-אַרויף און שיפּט-אַראָפּ — —
פֿאַלן טראָפּנס שווייס אויף טרערן ווילגאַטש אויס די ווענט,
רייסן קויל און גאָלד פֿון ערדן-שויס געבוקטע רוקנס, מידע
הענט,
זויגן אויס פֿאַרסמטע נאָרעס מענטשנס לונגען אין דער ברוסט —
מענטשן-קינדער ווי די קראָטעס לעבעדיק באַגראָבן. — —
קאַנאַלן-פּוצער שרויפֿן אויף אַן אדער אינם אַספֿאַלט-ברוק,
אַ שוואַרצער טויכער שטייגט אַראָפּ אַרויפֿצופֿישן פּערל-שמוץ,
אַ בירגער פֿלעב פֿאַרקערט אַן זייט דעם איבערבלייב פֿון
ציטונגס-קויט —
אויפֿגעפּאַסט! עס יאָגט פֿאַרביי אַ סטודעבעקער
מיט שווערע ליידיס און ליווריי-שאָופֿער —
שווער איז אָפּצורוימען דעם גאַנצן גאַסן-שמוץ.

פֿון בירושע איילט פֿאַרשפּעטיקט אַ דזשענטילער ספּעקולאַנט —
מיר דאַכט ער פֿרעגט ביי מיינע אויגן:
אַ בריליאַנט?
צי עלעקטריש פּונקלעריי?
וויפֿל וואָלט?
צי אַ ניי-דערפֿונדן פֿליערייִ?
ווי ווייט דער לויף?
האַו מאַטש?
איך קויף, איך קויף.

ע ל נ ט

דער טאַטע איז נאָך ברויט אַוועק
איבער בערג און ימען,
טייל איך עלנטס הארבע נויט
מיט מיין קראַנקער מאַמען.

עס האָט אַ קללה אויסגעשפּינט
דער טאָג פון מיין געבוירן,
שלעפּ איך איצט מיין גורלס יאָך —
ווער ווייסט צו וועמענס טוירן.

די מאַמע קראַנק, דער טאַטע ווייט
און הינטער מיר דער שאָטן נויט —
ווי אַ הונט אויף פרעמדער טיר
וואַרט איך אָפּ מיין בראָקן ברויט.

אַרבעטערס שלאָפליד

ברויזט און זשומט און יאָגט זיך, רעדער
אינגם שפּיי פון שטאָל און שטויב,
דאָס שלאָפליד מיינס מיר האַמערט אויס —
פאַר צאַרטע טענער בין איך טויב.

צום דרימל מוזן מיך פאַרוויגן
וואַלצן־רימענס שווערע הענט —
מיר דאַכט, אַז אָן דעם רעדער־הוזשען
וואָלט איך שלאָפן נישט געקענט.

שלעפט מיך איין וואָס טיפער, האַרטער,
ווייל עס מאַכט: איך כאַפּ זיך אויף —
אומגעדולדיק ווערט מיין אָרעם,
שטעל איך אָפּ דעם דולן לויף.

„פּאָליטישענס"

„פרייהייט און גלייכהייט און ברידערלעכקייט"
אויף צייטונגס-פּלאַקאַטן צעשמירט און צעשפּרייט,
רופט מען דאָס פאָלק.

מיט שטאָלענעם אָרעם און קינדישן ווילן
האָט פאָלק זיך פאַרזאַמלט דעם רוף צו דערפילן
אין גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

קוילט זיך דאָס פאָלק פאר דער פרייהייט צו שטאַרבן —
און פירערס פאַרפירער זיך גרייטן צו אַרבן
דעם זאַקרויב פון קינדישן ווילן.

וואַרטן די רייען ביז ווילן-געבראכן —
ווי מייז מיטן זאַקרויב זיך זענען צעקראָכן
די פירער אין „ברידערלעכקייט".

אונזער שטות

דערשפירנדיק די בייטש אין הענקערס שוואַרצער האַנד
האָט ער באַלד געכאַפּערט דעם אייביקן גענאַר,
געלאָזט די נאָנטסטע ברידער אין טויטלעכער געפאַר
און אַוועק אין זיכערקייט פון פּראַקטישן פאַרשטאַנד.

און האָט זיין ברודער אים געוואָרנט, אַז הכנעהדיק געבויגן
איז זיין דינער-רוקן אונטער הערשערס קנוט,
האָט ער קלוג-פאַרוווּנדערט אָנגעשטעלט די אויגן:
וואָס וואָלט דאָס זיין דען פאַר אַ האַר, וואָס ווייזט דיר
נישט קיין רוט?

צעשפּילט האָט זיך זיין גראַמאָפאָן אין חוזקדיקן דזשעז,
שכנים האָבן אַפּלאָדירט אויף טרובעס פון מאַשינען:
מיר גראָבן גאָלד און פירן עס אַיעדער אויף זיין אייל-
עקספּרעס
צום קאַסע-געטש אין גאָלדן לאַנד — מיר ווילן רויק דינען.

פאַרקלונגען איז דאָס זייטיק וואָרט אין הויל פון זייער שאַרבן —
האָט ווייטער האַר צעלייגט דעם קאָפּ אויף מענטשנס אויסגע-
בעטן שטות — —
שטויבן פונקלען שטראַלענדיק נאָר אין זונענס זכות —
אין מדבר צום געבענטשטן לאַנד מוזן דורות שטאַרבן.

צווישן פֿאָלק

אַ וואָרט פֿון טרייסט און מוט געבראַכט אין זייער מיט,
פֿאַלן זיי אויף קני אין שטויב צו מיינע טריט:
שטראָף אונז אויס פֿאַר שלעכטס און באַלוין מיט מילדן גוטס,
באַווייז אונז דיינע וווּנדער און באַשענק אונז מיט דיין שוץ.

בין איך מודה מיינע ברידער:
נישט קיין וווּנדער קאָן איך ווייזן, נישט מכפּר זיין קיין זינד —
דאָס גליק פֿון אייער גורל ליגט אין אייער האַנט אַצינד:
אויב מיין רוף וועט נישט פֿאַרגייען ווי אין שטורמווינט
וועט אייער טאַט דערלייזן אייך און אייער הויזגעזינד.

שטוינען ברידער, שטוינען — וואָס האָט ער דאָס געוואָלט?
האַלטן אָפּ אַן עצה — און זאָגן צו אַ קרוין:
דו עפֿן נאָר די שפּייכלערס מיט אָנגעהויפּטן גאָלד,
וועסטו ווערן מלך ביים זינדיקן המון.

בעט איך פֿאָלק אין רחמים:
באַוואָפֿנט אייער אָרם דאָס נייע גליק צו בוין,
דער דורכגעקעמפּטער זיג דאַרף ווערן אונזער לוין,
גייט אַרויס אין קאַמף און טראַכט נישט פֿון קיין קרוין —
אַ באַפֿרייטע עדה דאַרף קיין האַר און כּהן.

גלאָצן זיי און גלאָצן — און קערן אָפּ מיט שפּאָט:
האָט צוגעזאָגט דערלייזונג — ווי יעדער פֿאַלשער גאָט — — —

איך האָב געהאָפט צו גרייכן דעם זיג אין זייער מיט —
און זיי דערוואַרטן נסים פון אונטער מיינע טריט.

פ י ר ע ר ש אַ פ ט

מיין שטילן טאַטן — אברהם

ויי באַהיט אין שטראָף-רייד און שפּאָרזאַם אינם לויבן:
טויזנטער דיך הערן — און טויזנטער פאַרטייטשן,
וועלן זיי פאַר ברכות דיך שעלטנדיק פאַרבייטשן
און וואַשן זיירע הענט אין בלוט פון דיינע טויבן.

דו שטעל אַוועק דעם קאַסטן מיט לוחות פון דיין גלויבן
אין מיטן מאַרק, ווו וועגן טיילן זיך באַזונדער,
פאַרקויף איעדן גאַפער זיין אייגן בייזן וווּנדער —
זיי וועלן דערמאָלט בענטשן און וועסט זיי זיין דערהויבן.

זײַ מוחל, גאָט

זײַ מיר מוחל, גאָט
וואָס דאָס לאַנגע ווײַלן אויפֿן שײנעס ים פֿאַרבײַגנג איך
אין לאַנגווײַלן זיך,
וואָס שיקן „פּיקטשורס" אין „טעאַטער-פּיידזשעס", דענק איך,
שיקט זיך נישט,
וואָס מײַנע שירים — אויך פֿון אָנגענעמסטן מין
באַנעמט מען נישט,
וואָס אַ פֿאַרמעגן פֿון אַ הײַזקע און אַ פּאָרד-מאַשין
פֿאַרמאָג איך נישט,
וואָס אַפֿילו — חוץ אַ קאַץ און הינט —
קײן אײגן ווײַב און אײגן הויזגעזינד
באַהויז איך נישט.

זײַ מיר מוחל, גאָט
וואָס אמן זאָג איך נישט נאָר אויפֿן „קאַפּיטאַל",
נאָר אויך אויף משהס אַלט פֿאַרבאָט
צו טויטן דעם פּאָטער פֿון מאַרקס און לאַסאַל,
וואָס דעריבער האָבן מיר אויך לעבינס וואָרט געהערט —
וואָס איך בויג מײַן קאָפּ פֿאַר יעזוס קריסטוסן צוגלײַך
ווײַל געלערנט האָט ער מיך, אַז אונזער קעניגרײַך
איז נישט נאָר פֿון די שטויבן אויף דער ערד.

און זײַ מיר מוחל, גאָט

וואָס אין מיין עגאָ נעסט נאָך נישט קיין מענטשן-איבערגאָט –
נישט מער: אַ נעסט אין זיך אַליין
מיט זאַמען אין באַגער, וואָס – נישטיק כאָטש און אַזוי קליין –
קאָן באַזאָמען דיר אַ וועלט.

און זיי אויך מוחל, גאָט – אויב דיר געפעלט
וואָס געטשיש איז מיין קאַלטער מיין און זאָגט,
אַז ווער אין זיך נאָר עפּעס וואָס פאַרמאָגט
בלייבט שטענדיק אומעטום אַליין –
וואָס אפשר וועט אַמאָל נאָך זיין געשריבן אויף מיין שטיין:
געלעבט אויףביידע קאָנטינענטן
צווישן לאָנדאָנס נעפּל-פאַרקן און ניו-יאָרקס צעמענטן,
געוואַנדלט צווישן מיליאָנען גרויס און קליין –
און כמעט אַליין.

דעם מענטשנס ודוי

די בריקן צו מיין הארץ הענגען איבער תהומים האס,
מיין פריידן-דאך איז אנגעהויפט אויף זאקרויב פון דער גאס.
פארבעט איך ווען מען אין מיין הויז — איז נישט זיכער מיט
מיר גאט:
מיט איינגעשפארטן שטאלץ טריפט דער שמייכל פון מיין ליפ,
איך פארקויף מיין נאגטסטן פריינט און פארסם זיין ווייען בסוד,
און נאר די שווערד אויף מיין גענאק צווינגט צו בעטן
זיך: מארגיב.

ווייל אין טיפקייט פון מיין נפש קוואלט און כוואליעט זיך
די אינד
פון מיין אויפגעברויזטן יאוש—: וואס איך באשאף און איך דערהאף
איז ווי דעם טרוילערס שפאן אקעגן אין סוף,
און מיין גאנצער קיום איז ווי זאמד אין מדבר שטורמווינט.

פלאטער איך אין זעכטיק שמאכטן פאר דער נישטיקייט
ווי א זון פאר מוטערס רוט:
איך בין דיין קויטן-פלעקס געביין און בלוט,
וואס האסט אין אומבאוווסטן מוז געהאט
ווי פייער-פלאם דאס ליכט, ווי צווייגן-זאפט דאס בלאט —
וואס-זשע ווער איך מיט דער צייט?

און אָפּט, ווען טרייסט צעבליצט אין מיין נשמהס שוואַרצן תהום,
ווערט געבוירן האַמערדיק מיין אייביקייטנס טרוים —
גלויב איך דעמאָלט: נאָר דורך מיר אַנטפּלעקט די ערד
איר מוטער-שויס,

אַז נאָר דורך מיין געשאַרפטער חכמה שיינט די זון אַרויס,
און זאָל אַמאָל אויף זון און ערד אײַדער אָטעם-צוג פאַרגיין—
מיין זעל, מיין שאַפערישע זעל וועט אַלץ אין אייביקייט
באַשטיין — —

גרויסט זיך מיין באַגליקטער איך — און מער ווי אַלע
וועלטנס תוך
פאַרכאַפּט דאָס ציטעריקע האַרץ — מיין מינדסטן פינגערס
שפּילקע-שטאָך.

קאָן איך נישט פאַרשטיין דעם חק פון אַל-געוואַלט און איר געבאָט:
ווייל—וואָלט געברויזט געבורטן-פּיין אין איר נירוואַנאַ-לייב
ווי עס ציטערט מענטשן-זרע אין טראַכט פון מענטשן-ווייב —
געעפנט וואָלט זי אירע קוואַלן און אַנטפּלעקט דעם קיומס סוד.

אַ שטומע בלייבט די ספינקס—און איך אַ בלינדער אין איר דיך.
זאַמל איך איעדן שטראָם צום אייגן-אויסגעהוילטן קוואַל,
ווערט מיין אייגענער באַדאַרף דאָס פריידן-ליכט פון יעדן שטראַל—
וויג איך אַלעמענס באַהעפט אין פוסטע תהומים פון מיין איך.

דעם ליכטיקן מארגן אקעגן

מיין וועג

נישט מיט אייך, צופרידן־זאַטע
און נישט מיט אייך, איר פּראַקטיש־קלוגע
איז מיין וועג —
נישט דער לוין פון דרייסיק זילבער וועט פאַרשווערן מיינע הענט
צו דינען אייך אין רויב־געיעג.

הינטער אָפּגעשפּאַרטע טירן, צווישן שטיין־באַוואַכטע ווענט
זייט מקריב אייער בכור און פאַרדינגט דער שוועסטערס חן —
נישט רופט מיך צו דער סעודה צו טרינקען אייער וויין,
נישט מיינער איז דער יום טוב אין קאַמף־געצערטע טעג.

און מיינט נישט, אַז מיט קאַנעץ־אויל האָט איר פאַרפירטע אָפּגענאַרט —
דורך לאָדנס צוגעפּראַלט פאַרשטעק האָט אייער ליגן דורכגעשפּאַרט
אויף אונזער זוכענדיקן שטעג.

איצט שטייגן מיר דעם פעלז אַרויף דעם נייעם גלויבן צו פאַרזייען,
אין חיה־מענטש דעם ברודער־גאָט אויף אייביק צו באַפרייען —
איז אייער וועג נישט אונזער וועג.

געגאַנגען צווישן אייך

— זשאַנעט מ.
אין ליבע

אין האָב אייך נישט געקענט — האָב איך פאַרמאַכט די אויגן
און בין אויף פרעמדע שפורן פון אייך אַוועקגעצויגן, —
יאָרן־לאַנג געגעסן דאָס ברויט פון איירע סטויגן —
און אָפּגעקערט פון אייך מיט צוגעמאַכטע אויגן.

און ווער האָט מיר געזאָלט דעם נס אין אייך דערקלערן: —
אַז אין אייער טרויער וווינט פריידיק־גרויס באַגערן,
אַז איר קאָנט דעם ווילן דאפּלט נאָך פאַרמערן —
ווער האָט מיר געקאָנט דעם כח אין אייך דערקלערן?

איך וואָלט דאָך אייער פיין געגויגט מיין שטאָלצן שטערן
און וואָלט ביי אייער פאָן פאַר אייך נקמה שווערן — —
און איך האָב יעדעס וואָרט צון אייך אַזוי געוויגן!...
געגאַנגען צווישן אייך מיט צוגעמאַכטע אויגן.

צוריקקער

אויפגעמאַכט די אויגן, קום איך צווישן אייך צוריק,
צייל דאָס טון און וואַנדלען אייערס מיט אַ ברידערלעכן בליק
און זע:

אייער זעל איז יאָך-באַלאָדן און מיט ברודער-האַס באַנאָלט,
פאַר שפּאָרן לוין אויף קאָרגן ברויט האָט איר מיט פריי-
הייט אויסגעצאָלט —
איז דער שקלאַוון-קאַראַהאָד געוואָרן אייער טרוים פון גליק.

טאַנצט איר — פרייד-פאַרגעסענע — און מיט אייך די נויט
און שמאַך,
טרייסלט זיך שוין אייער זיץ פון פונדאַמענטן ביז צום דאַך —
הערט:
ווי לאַנג דער שטראָם, וואָס אייך צעטיילט, האָט נישט צע-
פראַלט איעדן צוים,
ביז אייער אויסדערלייזטער ווילן גרייכט נישט הויך צום
הימל-זוים —
איז נישט זיכער אייער קיום אויף דער ערדן-פלאַך.

גענוג געוויינט

אין שטערן-שווייס און הונגער-נויט האָט אייער מיליאָנען-שטאַם
געגרייט דעם פּעכטערס רייכן שניט,
מיט ווערק פון אייער צויבער-האַנט באַהערשט די ערד און
לופט און ים, —
דערפאַר אויף אָפּפאַל פון זיין זעט געלאָזט אייך הויזן מיט
זיין לאַם —

און אייער פויסט דערציטערט נישט?

גענוג שוין מיט פאַרלייגטע הענט באַקלאָגט די אויפגעמאַכטע
וווּנדן

און פאַר ווייי אין שטויב געקראָכן!
די בושה האָט שוין אירע פלאַמען ביז צו כּעס אָנגעצונדן
און נישט קיין טרערן, נישט קיין ווארטן וועלן אייער פּיין
געזונדן —

גענוג געוויינט און הענט געבראָכן!

נאָך פלאַטערט דאָך אין אייער האַרץ פון מענטשן-שטאָלץ
דער איבערבלייב,

דער צאָרן פון גערעכטן —
וואָס-זשע פאָרכט זיך נאָך דער פּחדן אין אייער אויסגע-
צוימטן לייב?

זאָל זיין דער אויסדערלייזטער מאָרגן אין נוקמדיקן איבערקלייב
דער ענטפער אויפן נעכטן.

לענוג געוואַרט — שטויבט אָפּ דעם קאַרק און ברעכט דעם
יאָך מיט פרייע הענט,
אַז ערד און הימלען זאָלן רויטן!
מיט אייער מיליאָנען-מאַכט צעשטויסט די איינגעצוימטע ווענט
און פון די חורבות לאָזט צעשאַלן אייער רוף: עס איז
פאַרלענט,
אַ סוף צו אַלע נויטן!

ק נ ע כ ט

פילט איר-מיט דעם צער.
ווען קראַנקער גרייז און בלאַסע קינדער צערן אין געלויף
אויף אויסדערפּול דעם קנעכטן-חוב
צום קאַפּריזנעם האר?

קאָנט איר זיין מטהר
פון מענטשנס שטערן קינם שאַנד
אין אייגן בלוט געצייכנט — אַליין מיט אייער האַנט,
דינענדיק אויף בעטל-ברויט דעם האַר—?

ווייסט איר די געפאַר,
ווען אין שלאַכטן-רוף פאַרוויגטע און אַליין די רוף-פאַרוויגער
גייט איר זיין באַזיגטע זיגער
פון און פאַרן האַר — —
עס מוז דאָך ענדן דאָס גענאַר,
אויב עס קאָן נאָר אייך דערגיין די נבואה פון דער צייט:
די איינגעצוימטע שקלאַוון-מאַכט — זי וועט נאָך דונערן באַפרייט
אַקעגן האַר!

אייערס זענען באַיאָנעטן און דער קוילן-זשאַר!
זאָל בליצן שווערד און דונערן קאַנאָן
אַז דער בלוטיקער אַרויסרוף זאָל צעכוואַליען ביז צום טראָן
פון האַר — —

גלאָצן וועט זיין פּרצוף גרויזאַם און ביזאַר —
וועט זיך קייקלען אַ געקרוינטער קאָפּ
און באַלד מיט אים זיין גאַנצער פּוסטער דינער-סנאָב —
און ווערן וועט איר פריי פון יעדן קנעכט און האַר!

דער מאַרש

מײַן פאָלק — אינם יאָך — האָט דעם שטערן געבויגן,
און איך האָב געמיינט, אַז עס שרעקט זיך פאַר זונען,
איצט האָט עס דערמוטיקט געעפנט די אויגן —
און כ'האָב ווידער זיין שטאָלץ און גבורה געפונען.

עס איז נישט געפאַלן אין שאַנד אַ נשמה,
וואָס ווייסט צו באַשיצן אַקעגן געביטער
זיין אייגענע פרייהייט און מענטשלעכע גיטער,
און גרייט זיך צו צאָלן פאַר שמאַך מיט נקמה.

עס שפאַנט שוין דאָס פאָלק אויף געראַנגל-דערווידער
מיט פלאַמיקן האַרץ און דערהויבענער פויסט —
ווײ, ווער פאַרצווייפלט אין פרידן נאָך הויזט,
ווען פאַרזאַמלט זיך האָבן באַוואָפנטע ברידער!

שוין האָבן זיך פעלדער באַפרייטע צעיערט
אין זאָמען פון קאַמף און פון שווייסיקער נויט,
פאַר שניט מוז מען זייען — מעג זיין אויך דעם טויט!
וועט דאָפלט זיך בענטשן די פרוכטבאַרע ערד.

צווישן די בייטן ווי בליטן פון מאָן
צעשאָטענע רויטן פון זיגרייכע קעמפער —
צעזייען די קריגער אַ בלוטיקן ענטפער
און שפרייטן אין זאַנגען אַ זוניקע פאָן.

ניִשט פרעגט ציִ דער זיג וועט אין קאַמף אייך באַגלייטן —
ווער וואַגט נאָך צו צווייפלען אין צייטן באַגיכטע?
גאָר באַלד וועט די בשורה די מאַרקן פאַרשפּרייטן,
ס'שטייט שוין געשריבן אין לויף פון געשיכטע.

אין טעמפּל

זאַט און יום-טובדיק פֿאַרזאַמלט שטייט איר פֿאַר דעם אַלטן גאָט,
צו וואַרפֿן אייער בינטל זינד אויף זיינע פּרוכנע ביינער,
שטעלן מיר זיך צווישן אייך מיט איינגעשטעמטן טראָט
און נאָגלען אייער בייז געוויסן צו די פֿרומע שטיינער:

מיר האָבן טעמפּלען אויסגעהאַמערט, אויסגעוועבט דאָס ייִדן-קלייד,
מיר האָבן שפּייכלערס אָנגעפּילט—און איר האָט אַלץ פֿאַרנומען,
איצט זענען מיר אין פֿעסטונג פֿון אייער שוץ געקומען
אָפּצונעמען אונזער טייל אין יום-טובדיקער פֿרייד.

גלויבט איר אָן אַ רעטונג – באַפֿאַלט דעם אַלטנס טויער
און בעט, ער זאָל בשלום פֿאַרטיילן אייער רויב,
אויב נישט, וועל' מיר אים נאָלן זיין געטשיש-קנעכטיש אויער,
וואָס איז פֿאַרקויפֿט צו דינען פֿאַר ליגנערישן לויב.

אומזיסט האָט איר צעדאַוונט געחנפֿטע כּוונות –
מיר יאָגן אייך מיט אייער גאָט פֿון טעמפּל-שטאַל אַרויס,
און איידער נאָך איר וואַשט די האַנט פֿון אייערע קרבנות,
וועט שטיין שוין אונזער וואַנגאַרד אין אייער הויף און הויז!

צ׳ו פרי

צו פרי: נאָך ליגט אויף שונאס ליפּ דער שפּאָט.
דעם נס פון גלויבן אייך אַנטפּלעקט — און פרעמד איז
אייך דער סוד,
צו טאַטן שוין דערוועקט — וואַקלט נאָך דער טראָט,
און אויף שונאס ליפּן ליגט נאָך אַלץ דער שפּאָט.

נאָך דרייט זיך אייער פּאַנצער-שיף אין ראָד.
באַלאַגערט אין די באָרטן, האָט פּיינט געבעטן גנאָד,
און איר — שוין זיכער מיטן זיג — האָט אויף ווינטס באַראָט
געלאָזן שיף און רודער — איצט דרייט איר אייך אין
שטורם-ראָד,

נישט דערגרייכט איז נאָך דער ברעג פון אייער גליק.
ווי לאַנג עס וועט נישט זיין דער מאַרש צון אייער זיג
ווי דער וואַסער-פאַל, וואָס גייט נישט מער צוריק —
נישט דערגרייכן וועט איר אייער לעבנס-גליק.

דורך קאַמף און דורך קרבנות דערגייט מען צו דער אייביקייט.
ערשט ווען איר האָט צעריסן, געהייליקטע אין שטרייט,
דאָס אַנגעשטויבטע שפּינוועבס פון מענטשנס פינסטערקייט —
ערשט דעמאָלט וועט אייך אויפגיין דאָס ליכט פון אייביקייט.

ז י ג ע ר

נישט שרעקט פאַר געפילדער פון האַרישער מאַכט,
וואָס צאַפּלט ווי פיש אינם נעצן-געפלעכט —
אויף וואָר! ס׳איז דער הילף-רוף פון פריצישן יאַכט,
וואָס טרענקט זיך אין שטורם-צעווילדעטע נעכט.

צעפוילטע שוין זענען די בריקן, אויף וועלכע זיי זענען באַזעצט,
די זיילן, וואָס שטיצן דעם באַלקן, שוין טרייסלען זיך אונטער
דער וואָג,
באַלד קראַכט עס און פּלאַצט און צעפּאַלט זיך צולעצט —
גלויבט עס: ס׳איז אייער דער טאָג!

נישט דאַרפט איר מער שאַרפן די שווערד צו נקמה —
דער שונא שוין שטאַרבט זיין נאַטירלעכן טויט.
איר שטאַרקט נאָר דעם גלויבן, איר שטאַרקט די נשמה —
פאַר שטאַרקע אין ג ײ ס ט איז נישטאָ מער קיין נויט.

און האָט איר געוואַשן אין ריינקייט די שאַנד,
פאַרבעט דעם באַזיגטן צו גיין אייער טראָט —
זאָל זיין אייער פרייהייט דערלייזט דורך דער האַנט
פון אַ שטראָף- און פאַרגעבונג-באַוויזענעם גאָט.

נאָר — זעט נישט דער פֿיינט פֿאַרזיגלטן סוף
און טרינקט נאָך אין רויש זיין צעלאָזענע לוסט
אין רייען געשטעלט, ציט די בריקן אַרויף, —
גיפֿט אים אין ווייַן און אַ שפּיז אים אין ברוסט!

און האָט איר באַזייטיקט די לעצטע געפֿאַר —
אויף גאַסן צעטראָגט דעם געוווּנענעם זיג,
שטעלט אויס אויף די מאַרקן דעם שאַרבן פֿון האַר
און ווייזט ווי פֿאַרגענגלעך ס'איז רויבעריש גליק.

איבערבוי

צערעדערט ליגט די אַלטע ערד,
אויף פוילער ברוסט פּאַדקאָווע-שלעג פון פייערדיקן פערד
די צייט —
צום איבערבוי און איבערבייט
צעטרייסלט און אַרומגעצערט.

מוט, מוט אַ מענטשלעכע נשמה!
דער מאָרגן-שטערן איז צעשיינט —
איצט זיי געגרייט מקבל פנים זיין
דאָס טאָגן פונם גרויסן היינט.

פון פעלזן-טרעפּ, פון כאַאָס-גייסט, און ליבשאַפט פון דעם אויסגעדויער —
שטייגן מחנות פרייד-דערהויבן,
שטראָמט די מאַסע—אויסגעפּאָרעמט און באַלעבט אין נייעם גלויבן—
צו וועלטנס אויסדערלייזטן טויער.

פון שטאַם צו שטאַם, פון פאָלק צו פאָלק וועט ווי אַ נייע תורה
טראָגן זיך פאַריינט געזאַנג —
זעל-פאַריינט — איז מאַכט-פאַריינט:
די הערצער אין צוזאַמענגאָס ווי פריידנס גלאָק-געקלאַנג
וועט זעצן זיך דער ברודער-בונט צו גליק-דערוויילטער סעודה—
וועט איבערגיין פון דור צו דור דער אויסדערלייזטער היינט.

דער פּירער

געזען האָב איך דיך שפּרייזן פון שטוב צו שטוב און לאַנד צו לאַנד
מיט פעסטן האַרץ און שטאָלצן קאָפּ —
אַליין דער האַמער און אַליין דער שאַפערישער קלאַפּ,
האָסטו געוועקט און אויסגעבויט מיט ברידערלעכער האַנט
דעם גרויסן טרוים פון מאָרגן-שטערן,
וואָס דאַרף געבוירן ווערן.

ביסטו געווען דאָס פייער, אַראָפּגעבראַכט פון געטער
דורך שטרייט און אויסדערלייזונג די ליבע אויסצושמידן,
ביסט געווען אין טרייסט דער שטראַלנדיקער רעטער
אויף האָפערדיקן פרידן,
דאָס וואָרט און דאָס באַגערן
פון קומענדיקן מאָרגן-שטערן.

ביסטו געוואָרן פאַר די ברידער דער צעבליטער חלום,
די פעלקערס ליב און לענדערס פרייזן
פאַר באַפרייטן אויסדערלייזן,
די וועלטנס האָפערדיקער שלום —
דער אויפגאַנג פונם מאָרגן-שטערן,
וואָס מוז מקיים ווערן.

צון אַ דיכטער

ערנאַ האַלצן

איך באַטראַכט דיין בילד — און ווייס: דו לעבסט אין מיר.
וואָס האָט דען הונדערט — טויזנט יאָר דעם גייסט פאַר
אַ באַדייט?
ווי אַן אויגן-פינטל אין לויף פון אייביקייט.
צי ביסטו דאָס פאַר אַנדערע, וואָס ביסט פאַר מיר?

און ווען שוין ערגיץ ווו, אין אַ פרעמדן לאַנד,
האַלט אַ קינד דיין לידער-בוך אין האַנט
און זיפצט ביי זיך אין בעטל: „ווי גליקלעך מוז ער זיין" —
וואָס ווייסט עס פון דעם צער און דיין נשמהס פיין,
ווען לעבן פאַקט אין זיין באַפעל-מאַשין
און סיטשעט אויס פון צווישן נויטנס ציין: דין!

און וויפל מוט און שטאָלץ געהער צום ווונדער-סוד,
פון רעדערס רויש אַ בליצן-וואָרט אַרויסצוצין,
וואָס זאָל די הימלענס טראַכט צעפראַלן און צעגלין
ביז אַנטפּלעקט עס שטייט דער נייער גאָט.

וואַנדלסטו נאָך צווישן אונז, צי נישט — אַלץ איינס פאַר מיר:
הונדערט — טויזנט יאָר איז פאַרן גייסט נאָר אַ באַדייט
ווי אַן אויגן-פינטל אין לויף פון אייביקייט —
לעבסטו אייביק אינם גייסט פון אַלע און פון יעדער צייט
ווי דו לעבסט אין מיר.

HOMO NOVUS

אַ דורשטיקער,
וואָס האָסט געשעפּט ווי פֿריש געטראַנק די ווערטער פֿון
דיין גאון,
אַ שטאַרקער,
וואָס — אַ ווייל געצווייפֿלט — האָסטו דורכגעקעמפּט אין
שווערע שעהן
ביז צו אייביקייט,
אָן צייכן פֿון דער צייט,
וואָס טויבע הערן דיין סאַלוט און בלינדע זעען שוין דיין פּאָן!

האָט ווער אַ נביא שוין דערהערט,
וואָס רופֿט אויף פֿעלז-געוואַגטער הויך?
וועלכער דערנער-קאָפּ האָט מער געצונדן כּח
צו דינען אים מיט גלויבן און מיט שווערד?

און דו האָסט זיי צעשטראַלט די קלאָרקייט אינם אויג,
געוויזן זיי אין וואַנדלען דעם געווונטשטן באָרט
זיי זאָלן ווי אַ גלויביק קינד
הערן אויף דיין וואָרט
און דערזען דעם אויסוועג פֿון פֿאַרשקלאַפּטן לאַבירינט.

געבענטשט דער קעמפּער איז אין דיר,
וואָס ביז צום זיג פֿאַרבלייבט אין פֿעלד,

געפּרייזט דער זיגער איז אין דיר,
וואָס האָט זיך פרייהייט ליכטיקע צום ציל געשטעלט,
געהייליקט איז דאָס ליכט אין דיר,
וואָס פאַרפלייצט די וועלט!

מיליאָנען-יאָר געוואָגלט — איצט שטייסטו אויפן שפּיץ,
קוקסט גאָט אַליין אין פּנים—ווייל דו ביזט ער און ער איז דו,
דו וואָרנסט אים דונער און שמייכלסט אים בליץ
און שענקסט דורך הייליק שטרייטן דעם גוף און זעל די רו —
דו ביסט דער ניי-באַנייטער, צעבליטער לעבנס-בוים:
פאַרוואָרצלט אין דער ערד
און פאַרצווייגט ביז הימלס זוים.

גיי אקעגן

פאַר יעדן איז באַדאַכט זיין לײַבל ברויט
און ווײַן אַ קוואָרט און אַ ווינקל אויף דער ערד —
זאָל יעדנס מאָלצייט זיין אין פרידלעכקייט פאַרצערט.

זינקט דיין ברודער אין אַ נויט —
שטרעק אים אויס אַ מילדע האַנט
און נישט די שאַרף פון שווערד.

אייליק מאך דעם קמצנס צײַן,
וואָס שפרייט אין קעלט זיין רײַך געוואַנד
פאַר זיך אַליין.

און גיב צום פרײַנט די גאָב פון דיין באַשטאַנד
נישט ווי אַ חוב פון מאַן צום ווײַב —
זאָל זיין דאָס ווי דער שמייכל צו דיין ליבסטערס לייב.

ווייל — קאָנסטו זיכער זיין,
אַז יאָרן מיליאָסן שפּעטער
וועט דיין רעכטע האַנט נישט זיין די לינקע פון דיין פײַנט?
און אפשר איז דיין שכנס שאַרבן היינט
דער מיליאָנענדיקער דור פון דיינע פאָטערס?

ווייל פונקט ווי דיינע אייניקלעך – און אפשר שוין דיין קינד
וועט שטוינען איבער דיר,
דעם באַנאָגלט און באַהאָרטן פלייש-פאַרצערער,
האָט באַהערשן נישט געוווסט נישט די וואָלקנס
נישט דעם ווינט –

דעם טויט – –
פרעמד אים זיין די שמאַכטנדיקע נויט
קעלטן און אָפגעמאָסטן ברויט,
און אָפגעצוימטע לענדער –

אויסגעטראַכטן גאָט
יעם געבאָט – –

–

אינהאלט־פארצייכניש

	זייט
צו דער געגעזיס פון סאָלדאַטן־ און פּאַיאַצן־לידער	I—III
קאָמעדיאַנטן:	
טעאַטער־צויבער	5
רעקלאַמע	7
סעם דער זונגען־האַלטער	8
זון־ און לבנה־שפּיל	10
די פרייד פון שפּיל	12
שטורם הינטער קוליסן	14
אַפּאַטיע	16
פּראָבע־סצענאַריום	18
אילויזיע	20
שטימונג	21
די אַלטע עפּאָפּייע	22
אין קוליסן־ווינקל	24
אַרטיסטן־רויש	26
בינע־גלאַנץ	28
קלאָונאַדע	29
פּראָפּעסיע	30
סטאַרישער גראָטעסק	32
קינסטלער־שטאָלץ	35
פּאַטום	36
פּאַר ווענמצן	38
אייער לויב	40
ווי איינטאָגיק אונזער געטין מעלפּאָמענע	41
דאָס שוואַנען־ליד	43
אָפּשייד	45
חרטה	47
פאַרגעסן זאָל ווערן (דאָס ליד פון נעכטן)	
טרוימען	51
מאָרגן און אָוונט	52
גליק	53
דייטשער כאָטיוו	54
אין אומקום	55
אייביק פאַרגיין	56
אומעט	57
אָדלער און וואָרים	58
קומסט צום ברעג	59
אין נעץ	60
די מאָנאָטאָניע פון אייביקייט	61
פאַרגעסנקייט	62
צום לופטן־פליערס טויט	63
ווער ווייסט	65

אין אייביקן זיין:

זייט

אייביקער באַשטאַנד 69

באַנעם די ערד 71

האָפּערדיק 72

אין וואַלד 73

אונטער הייסער זון 74

דער זשאַוואָראָן 75

באָבע און אייניקל 76

פייגל אין נעסט 77

זומער פאַרנאַכט 78

בין השמשות 79

שטערן 80

דערפולונג 81

דער אויפשטייג 82

אָן זאָרגן 84

ביים אָפענעם קבר 85

דער געטלעכער סעקס:

קום אַריין אין גאָרטן 89

מיין מיידל קומט 90

אַ גוטער אויפשטאַנד 91

מיינאַ דעל ריש 92

צון אַ אומבאַקאַנטער 93

קענסטו מיינע זינד 94

נישט רירט אייך צו 95

נעם מיין זעל 97

ביי איר איז ליכטיק 98

טויזנט וועגן 99

אויפן שייד-וועג 100

זיך אַרומגענומען 101

לעצטער בריוו 102

זייט

בענקשאַפט 104

אין ליבע 105

ביים ווידערזען 107

איך קאָן פאַרשטיין 109

אַלטע פּראָסטיטוטקע 110

צוויי מיידלעך 112

ליבעס-עפּאָפּייע 113

זונה-ליד 114

אַ פּופּע אין פענסטער 115

אַ מאַרמאָר-קאָפּ 116

אין טראַמוויי 118

טשאָבערל 119

ווייבלעכקייט 120

צו ל. ב. 121

זאַטקייט 122

דורך מיין דינער 123

צייטיקע רויזן 125

שפּיל אין ליבע 126

געטלעכער סעקס 128

אין שטאַם-בוך 130

צון אַ פאַרשטאָרבענער 132

בלומען אויפן קבר 133

געליבטע ביי מיין בעט 134

מלחמה:

אַרויסמאַרש 139

אין אָקאָפּ 140

אויף וואַך 142

אין אַ באַזיגטער שטאָט 143

אַ לופט-באַלאָן 145

קריגס-פּייסאַזש 146

זייט

דערוואַרטונג 148
געפאַלן איז אַ פריינט 150
נאָך דער שלאַכט 151
נאָך מיין טויט 152
פאַר צוויי איז דאָס געשען 153
עס גרייט זיך אַ שלאַכט 154
ווער קאָן באַנעמען 155
וואַלד-קאַלוזשע 156
פאַרצווייפלונג 157
דאָס ליד פון זעלנער-קנעכט 159
מאַסן-גרוב 160
חורבות 162
ביי אַ געפאַלענעם סאָלדאַט 164
צו דער מאַמען 166
חלומות אין פעלד 167
נעבעט פאַרן שטורם 168
שטאַקע 170
אין לאַזאַרעט 172

מיין חבר — דער מיטמענטש:

גערן-טאַנץ 175
דער גאַנג מיט דער געליבטער 177
מענטש 178
געזעצלעך 179
שניי-קוקלע 180

זייט

הויזלעכקייט 181
„פראָספעריטי" 183
עלנט 186
אַרבעטערס שלאָפליד 187
„פאָליטישענס" 188
אונזער שטות 189
צווישן פאָלק 190
פירערשאַפט 192
זיי מוחל, גאָט 193
דעם מענטשנס ודוי 196

דעם ליכטיקן מאָרגן אַקעגן:

מיין וועג 199
געגאַנגען צווישן אייך 200
צוריקקער 201
גענוג געוויינט 202
קנעכט 204
דער מאַרש 206
אין טעמפל 208
צו פרי 209
זיגער 210
איבערבוי 212
דער פירער 213
צון אַ דיכטער 214
Homo novus 215
גיי אַקעגן 217

פון יעקב מעסטעל

זענען ביז איצט ארויס:

„פארחלומטע שעהן" (לידער)

„א ליבעס-ליד" „

„וויטא חייזד" (פאעמע)

„דמיונות" (דראמאטישע פאעמע)

„מלחמה-נאטיצן פון א יידישן אפיציר" (צוויי בענד. פראזע)